# UCLA

## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title

Khesbn No. 36, January 1964 - Entire Journal

### Permalink

https://escholarship.org/uc/item/4107539m

### Journal

Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 36(1)

### Publication Date

1964

### Copyright Information

Copyright 1964 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

פערטל־יאָר שריפט פאַר

## ליטעראַטור, קריטיק און קולטור־פּראָבלעמען

# 36

רעדאַקטאָר — י. פרידלאַנד



ארויסגעגעבן פון:

לאָס אַנגעלעסער יידישער קולטור קלוב — און — שרייבער קרייז ביים זשורנאַל „חשבון"

טבת, תשכ"ד — יאַנואַר, 1964

לאָס אַנגעלעס, קאַליפאָרניע

# אינהאַלט


י. פ.: ברוך הבא אברהם סוצקעווער — 3
אריה פאַזי: ה. לייוויק ז״ל צו זיין ערשטן יאָרצייט (עסיי) — 4
חיים באַרקאַן: „מעק אויס די זינד״ (ליד) — 9
לוי גאָלדבערג: „ערגעץ וואו איז כישוף נאָך פאַראַן״; „מיין טויבן־שלאַק״ (לידער) — 10
פּינטשע בערמאַן: „ניט פאַר די וואָס קיינמאָל ווייבען״; „דער וואָס זאָגט״ (לידער) — 11
מאַטעס דייטש: „מחשבות אַרום פּראָבלעמען״ (עסיי) — 13
ראָבערט פראָסט: „פאַרבעטונג״; „דער טעלעפאָן״ (יידיש: מ. ז. טקאַטש) — 19
י. פרידלאַנד: „אייפערזוכט״ (דערציילונג) — 21
יעקב שמואל טויבעס: „ביים ים־ברעג, סאַנטאַ מאָניקאַ״ (ליד) — 27
יחזקאל בראָנשטיין: „אַליין מיט זיך״ פון אליהו רייזמאַן (עסיי) — 28
נח גאָלדבערג: „חוה המדבר״ (פראַגמענט פון נייער נאָוועלע) — 21
יצחק אייזנבערג: יוסף פּאַפּיערניקאָוו (צו זיין 40 יאָר ליט. טעטיקייט) — 38
ז. בונין: „אויפן שיף קיין אַמעריקע״ (פראַגמענט פון נייעם בוך) — 41
חנה בושעל־סאָלאָוו: „וואו פירט די צייט״ (ליד) — 42
יצחקי: „מחשבות בקול״ (וועגן ביכער און שרייבער — עסיי) — 43
א. כראַבאָלאָווסקי: „די קופּע״ (פראַגמענט פון אַ גרעסערער עסיי) — 46
יצחק ניומאַן: „מיכה, באַגרינדער פון די יסודות פון יידנטום״ — 50
א. באַביטש: פעדער־שפּריצן — 52
זשורנאַלן אויפן טיש — 53
ליטעראַרישע נאָטיצן — 54
אָפּרופן פון שרייבער — 56
נייע ביכער, קולטור כראָניק — 57
צענטער יובל־יאָר פון „חשבון״ — 60



# "HESHBON"

*Quarterly Review of Literary and Cultural Activities*

**I. FRIEDLAND, *Editor***

4375 Sunset Drive — Los Angeles 27, Calif.

וועגן רעדאַקציאָנעלע ענינים זיך ווענדן צום רעדאַקטאָר.

מכח אַבאָנירן אָדער באַנייאונג פון אייער אַבאָנימענט, ווענדט זיך צום סעקרעטאַר:

MATTES DEITCH - 420 So. Cloverdale Ave. - Los Angeles 36, Calif.

PRINTED BY
SCHWARTZ PRINTING CO.
100

# חשבון

• פערטל־יאָר שריפט פאַר ליטעראַטור, קריטיק און קולטור־פּראָבלעמען •

י. פרידלאַנד, רעדאַקטאָר ~ מאַטעס דייטש, סעקרעטאַר

10טער יאָרגאַנג, נומ. 36 • טבת תשכ"ד, יאַנואַר 1934 • לאָס אַנגעלעס, קאַליפ.

## ברוך הבא, אברהם סוצקעווער!*)

### (צו זיין 50 יאָריקן יובל און צו זיין באַזוך אין לאָס אַנגעלעס)



מיט גרוים יראת הכבוד און באַזונדערע פרייד באַגריסן מיר אונדזער חשובן גאַסט, דעם באַרימטן פּאָעט, אברהם סוצקעווער, צו זיין פופציק יאָריקן יובל, און צו זיין באַזוך אין לאָס אַנגעלעס.

אין ישראל איז אויף אַ גאַר אימפּאַזאַנטן אופן געפייערט געוואָרן דער יובל זיינער. די מדינה האָט אים אָפּגעגעבן דעם פאַרדינטן כבוד, צו זיין פייערלעכן יום־טוב, מיט דער באַטייליקונג פון נשיא, ר' זלמן שזר.

סוצקעווער איז איינער פון די אָנגעזעענסטע יידישע פּאָעטן פון אונדזער דור. ער איז דער רעדאַקטאָר פון דער יידיש־ליטעראַרישער פערטל־יאָר שריפט אין ישראל: „די גאָלדענע קייט" — דער וויכטיקסטער, סאָלידער, ליטעראַרישער זשורנאַל אין דער יידישער וועלט.

נאָכדעם ווי סוצקעווער איז דורכגעגאַנגען דעם היטלעריסטישן גיהינום, געקעמפט העראָאיש, ווי אַ פּאַרטיזאַן אין די וועלדער, איז ער נאָך דער מלחמה אָנגעקומען קיין ישראל. די לייטונג פון הסתדרות האָט אים איבערגעגעבן די אחריות צו רעדאַקטירן דעם דריי־חודשדיקן זשורנאַל, די „גאָלדענע קייט", וועלכע ער רעדאַקטירט מיט אַזויפיל פּרעציזקייט און שלימות.

מיר דאָ, אין די תפוצות באַטראַכטן סוצקעווערן ווי אונדזער יידישער אַמבאַסאַדאָר אין ישראל, וועלכער האָט, דורך דער „גאָלדענער קייט"

---

*) זעט אָפּהאַנדלונג וועגן סוצקעווערן פון מלכה טוזמאַן אין נומער 35 „חשבון".

אריה פּאָזי



# ה. לייוויק
## ז״ל

▲

(צו זיין

ערשטן

יאָרצייט)

▼

אויב ס׳איז אמת, אַז יסורים און פּיין, גייסטיקע ווי פּיזישע, לייטערן נשמות, איז לייוויקס נשמה געוואָרן די זיבערסט געלייטערטסטע נאָך איידער זי האָט זיך אָפּגעשיידט פון איר ערדישן גוף אויף אונדזער דאָאיקער וועלט.

און אויף יענער וועלט, דער שכינה־באַשטראַלטער וועלט פון אייביקן זייו, אין דער זיבערסט געלייטערטער לייוויק־נשמה געוויס צוגעטיילט געוואָרן דער אויבנאָן, און באַהעפטונג מיט די אַנדערע דורך יסורים געלייטערטע נשמות פון די טהורים וקדושים — רבי עקיבא און די עשרת הרוגי מלכות, וואָס זיינען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די רוימער, און די געפּייניקטע און אומגעקומענע על־קידוש־השם נשמות פון די יידישע שרייבער פון אונדזער דור, וואָס זיינען

---

פאַרלייגט אַט־די „פּאַפּירענע בריק” צווישן די יידן אין ישראל און די תפוצות און האָט אונדז פאַראייגנט און פאַראיינהייטלעכט דורך יידישער מחשבה און יידישן לשון.

ווינטשן מיר אייך, זייער חשובער גאַסט, ליבער דיכטער, אברהם סוצקעווער. מיר זאָלן צוזאַמען מיט אייך און אייער ליבער פרוי, פייערן נאָך אַ סך יובילעאומס אייערע, מיט געזונטע, שעפערישע אריכת ימים, עד מאה ועשרים שנה.

י. פ.

אומגעבראַכט געוואָרן דורך די דייטשן, ימח שמם וזכרם, ווי אויך דורך די אַכזרי־שע סטאַליניסטן, וואָס צווישן זיי, די דאָזיקע יידישע שרייבער, האָבן זיך געפונען די קרוינען פון יידישן שעפערישן גייסט: שמעון דובנאָוו, הלל ציי‌טלין, יצחק קאַצענעלסאָן, דער נסתר און די פיל, פיל אַנדערע פון צווישן אונדזערע געפיי־ניקטע און פאַרשניטענע זעקס מיליאָן קדושים וטהורים, הי״ד.

קרוב צו פינף יאָר איז ה. לייוויק געלעגן אין בעט האַלב פּאַראַליזירט און אָן לשון. דער נעים זמירות האָט זיין לשון פאַרלוירן און דער זמר איז פאַרשטומט געוואָרן. געפּלאַצט האָבן די סטרונעס און די פידל איז זיך פאַרגאַנגען אין געוויין. און בעת די דאָזיקע פיינפולע טעג, וואָכן, חדשים, יאָרן, איז לייוויקס גדאַנק געווען אין זיין פולן באַוואוסטזיין, און אַזוי — קאָנען מיר זיכער זיין — איז אויך געווען זיין גייסטיקע שעפערישקייט. אָבער זיין שעפערישקייט איז געבליבן דערשטיקט, ווייל זיין גוף האָט פאַרלוירן די מעגלעכקייט זי אַרויסצוברענגען אינדרויסן, און דאָס האָט זיין געמיט געפּייניקט מיט יסורים פון גרויל, וואָס זיינען טיף ווי דער אָפּגרונט.

* * *

לייוויק איז ניט געווען דער פּאָעט וואָס איז באַהערשט פון רעליגיעזע שטימונגען, ווי למשל, יהודה הלוי, אָבער אויך קיין כופר בעיקר איז ער בשום אופן ניט געווען. וואָרעם ווער קען עס יאָ זיין? מיט גאָט, פונדעסטוועגן, האָט ער זיך אָפּט מאָל יאָ אויסגעטענהט. איז גאָט און זיין משפט באמת גערעכט? אויפן שטייגער פון רבי לוי יצחק באַרדיטשעווער האָט ה. לייוויק ניט אַלע מאָל געגעבן גערעכט צו גאָט. פאַרקערט, ער איז אַרויסגעקומען צו גאָט מיט טענות, מיט ביטערע טענות: הלמאי די משונהדיקע אויפפירונג פון דער וועלט? פאַר וואָס? פאַר ווען? און געפאָדערט אַן ענטפער. געפאָדערט, הגם ער האָט געוואוסט, אַז ער וועט דעם ענטפער קיינמאָל ניט קריגן.

גאָט האָט דעם מענטש געגעבן די ברכה פון לעבן — פאַרוואָס ווערט זי, די דאָזיקע ברכה, באַגלייט דורך דער קללה פון יסורים? פאַרוואָס שטייט איבער לעבן תמיד די דראָאונג פון טויט? פאַרוואָס איבער געזונט די דראָאונג פון קרענק? פאַרוואָס דער עצם פון יסורים — פיזישע ווי גייסטיקע? פאַרוואָס די שלעכטס פון דער קרוין פון גאָטס באַשאַף, מענטש?

מחמת מענטש איז דאָך דער באַשאַף פון גאָט, און אויב מענטש איז ניט געלונגען, איז דאָך די אַחריות פאַר דעם ניט פון קיין אַנדערן ווי פון דעם באַשעפער זעלבסט.

און וויבאַלד אַזוי: פאַרוואָס קין? און — פאַרוואָס הבל?

דאָס אַלץ זיינען אומדירעקטע, הגם אומגעהויער וויכטיקע טענות צו גאָט. אָבער דערביי זיינען דאָ נאָך וויכטיקער די דירעקטע טענות צו גאָט:

פאַרוואָס יצחקס עקידה? פאַרוואָס דער גאָט, וואָס האָט פאַרלאַנגט די עקידה? פאַרוואָס דער אַברהם, וואָס האָט מסכים געווען צו פירן זיין איינציקן זון צו דער עקידה? פאַרוואָס דער יצחק, וואָס האָט זיך אונטערטעניק געלאָזט פירן צו דער עקידה? און פאַרוואָס די אַלע אברהם און יצחק עקידהניקעס פון אַלע שיכטן און אַלע צייטן? און פאַרוואָס די כפרה פון דעם שעפּס אויף יצחקס עקידה? האָט ווער אַ רעכט צו שאַטן און מפקיר צו זיין איר, שעפּסענע, רעכט צו לעבן און ניט צו זיין אַ כפרה פאַר עמיצן אַנדערש, אפילו ווען דער אַנדערש איז ניט קיין אַנדערער

ווי יצחק?... און פאַרוואָס כּפּרה בכלל? פאַרוואָס דאַרף וועַר מכפּר זיין פאַר עמיצן אַנדערש?

פראַגעס אויף פראַגעס, קשיות אויף קשיות, טענות אויף טענות — און קיין תּירוצים אויף דעם ווערן ניט געגעבן. ניט יהודה הלוי, ניט ה. לייוויק, ניט דער רמב״ם און ניט אפילו משה רבנו, האָבן געקענט פאַרענטפערן די אַלע קשיות. און צו די דאָזיקע קשיות האָט לייוויק אויך צוגעשטעלט די נאָך האַרבערע טענות פון —

טרעבלינקע, וואו ער איז ניט געווען; די חתונה אין פערנוואַלד; די יסורים פון הערש לעקערט, און וועמען ער, לייוויק, האָט זיך זעלבסט דערקענט; דער קידוש השם פון מהר״ם פון רוטענבערג, און על כולם—דער גולם פונעם מהר״ל.

אין גולם האָט לייוויק אויסגענוצט אַ לעגענדע אין וועלכער עס ווערט דערציילט, אַז דער מהר״ל (רבי יהודה לוי פון פּראַג, 1525-1609) האָט געשאַפן אַ גולם פון ליים, צו פאַרטיידיקן די יידן קעגן עלילת־דם און פּאָגראָמען.

לייוויק האָט אַריינגעגלידערט אין דער דאָזיקער לעגענדע טיפן באַטייט. ער האָט פאַרקערפּערט אין דעם גולם אַ סך פון די פּראָבלעמען — יידישע און אַלגעמיינע — וואָס זיינען סיי צייטיק און סיי אייביק, אויף וועלכע אונדזער וועלט שטויסט זיך אָן. ער האָט אין דעם אַריינגעגעבן די עיקרדיקע און אומפאַרמייד־לעכע שטרויכלונגען, וואָס זיינען אויסגעשטעלט אויפן וועג פון מענטשלעכן געראַנגל צווישן שלטון הרוח — גייסטיקער איבערהערשאַפט און פיזישער מאַכט.

דער מהר״ל — ער איז גייסט; דער גולם איז זיין היפוך: פיזישע מאַכט.

האָט דער מהר״ל געשאַפן דעם גולם, אַז ער זאָל אים זיין פולשטענדיק גע־האָרכזאַם, אַז פיזישע מאַכט זאָל זיין אונטערטעניק און זאָל זיך לאָזן קאָנטראָלירן פון גייסט: דער גולם מוז פאָלגן דעם מהר״ל אין אַלע פּרטים.

דער מהר״ל האָט ניט געפונען פאַר נייטיק צו פאַרטרויען דעם גולם אַלע זיינע מאָטיוון און געדאַנקען; צו אויפקלערן אים דעם מאָטיוו צוליב וואָס ער האָט אים געפורעמט פון ליים און אים געשאַפן; און צו מאַכן אים, דעם גולם, פאַר אַ שותף, וואָס זאָל פאַר אים קלאָר מאַכן זיין גורל.

און אַזוי אַרום — אין דעם חושך פון דער אומפאַרשטאַנדיקייט פון זיין אייגענעם גורל — שאַפט זיך אינעם גולם אַ געפיל פון ווידערשטאַנד: פאַרוואָס איז ער? פאַרוואָס דאַרף ער טאָן דעם ווילן פונעם מהר״ל? פאַרוואָס איז ער ניט מער ווי דער געצייג פון עמיצן אַנדערש?

און דער רעזולטאַט פון דעם איז דאָס, וואָס דער גולם רעוואָלטירט און הייבט אויף זיין האַנט קעגן די זעלביקע מענטשן, וואָס ער איז באַשאַפן געוואָרן, אויסדריקלעך, זיי צו שיצן.

און — דער מהר״ל איז געצוואונגען געוואָרן צו ענדיקן דעם גולם און אַזוי מאַכן, אַז ער זאָל אויפהערן זיין.

אָבער דער גולם האָט, אין דער ווירקלעכקייט, ניט אויפגעהערט זיין. ער איז ניט אומגעקומען. דער מהר״ל האָט אים נאָר איינגעשלעפערט. און דער גולם חלומט. און דאָס איז די טעמע פאַר לייוויקס צווייטער גרויסער און פאַרטיפטער דראַמאַטישער פּאָעמע: די גאולה קאָמעדיע אָדער דער גולם חלומט.

איין מאָל, אין משך פון דער צייט פון דעם גולמס קורצער עקזיסטענץ, האָט ער געכאַפּט אַ צופעליקן בליק אויף משיחן. משיח, באַגלייט פון אליהו הנביא,

איז געקומען אין פּראג. זיין קומען איז אָבער געווען פּריצייטיק. מענטש איז נאָך ניט געווען מסוגל אים אויפצונעמען. איז מהר"ל אַ פּאַרציטערטער, צו אים, צו משיחן, געקומען און האָט אים פּאַרטריבן צוריק צו זיין פּאַרהוילעניש. אָבער דערביי האָט דער גולם געכאַפּט אַ בליק איבער משיחן, און דאָס האָט געמאַכט אויף אים אַזאַ טיפן איינדרוק, און דאָס געשטאַלט און פּאַרגעם פון משיח האָט זיך אַזוי איינגעקריצט אין זיין געדאַנק, אַז איצט — ווען ער איז געשלאָפן — האָט ער ניט אויפגעהערט חלומען וועגן משיח, חלומען אין זיין אייביקן שלאָף, אין וועלכן ער איז אַריינגעטאָן געוואָרן.

נו, ווער איז דער גולם? זיינען מיר דען ניט — יעדער איינציקער פון אונדז — באַשאַפן געוואָרן — ענלעך צום גולם — פון עפּעס אַ מהר"ל, אַ ווילן וואָס איז אינדרויסן פון אונדז — ניט ווייל דער איך פּערזענלעך האָט עס געוואָלט, נאָר מחמת עפּעס אַ דרויסנדיקער ווילן, אַ קאַפּריז פון נאַטור, אַן אומ־פּאַרשטענדלעכקייט, אַן אומבאַגרייפלעכקייט, האָט אונדז געבראַכט צו זיין? יעדער איינציקער פון אונדז איז די פּאַרקערפּערונג און דער אויסדרוק פונם גולם.

און לייוויק מאָנט יושר פּאַר דעם דאָזיקן גולם אין מענטש, פּאַר דעם דאָזיקן איך אין מענטש! און לייוויק מאָנט יושר פון אַלעמען פון וועמען יושר קען געמאָנט ווערן: ער מאָנט עס פון גאָט, ער מאָנט עס פון מענטש, פון געזעלשאַפט, פון נאַטור—פון אַלץ מיט אַנאַנדער וואָס טוט באַ'עוולה'ן לעבן—ס'מאַכט ניט צי ס'איז לעבן פון פלאַנץ, בעל־חי, אָדער מענטש—אַבי לעבן איז צו דעם געווידמעט.

נון, מיר אַלע באַטראַכטן זיך דאָך, אַז מיר לעבן. אַז מיר לעבן, האָפן מיר, אַ באַוואוסטזיניק לעבן. אָבער ווער פון אונדז קען מיט זיכערקייט באַשטימען, אַז מיר זיינען וואָך?... ווער קען קומען און באַשטימען, ווי אַן אומבאַשטרייטבאַרן אמת, אַז אונדזער לעבן איז ניט קיין אַנדער זאַך ווי אַ חלום?...

און אַזוי אַרום חלומט לייוויקס גולם. און ווי אונדזער מענטשלעכער וואָר קען זיך אַרויסציִיגן מיט דער צייט צו זיין ניט אַנדערש ווי אַ חלום, אַזוי קאָן דאָך געמאָלט זיין, אַז דעם גולמס חלום איז ניט קיין אַנדער זאַך ווי וואָר.

און לייוויקס גולם חלומט! און ער— ווי מיר אַלע — חלומט וועגן דער־לייזונג — משיח! דער משיח וואָס ער האָט איין מאָל געזען און באַנומען!

נון, דער גולם, וואָס איצט הייסט ער יאָסעלע, דערוואַכט פון זיין שלאָף — דערוואַכט, ווי מיר אַלע טוען, אָדער דענקען אַז מיר טוען, דערוואַכן, און ער שפּרייזט אַרום מיט זיין חלום — חלום אין חלום, וואָס ער דענקט אַז ס'איז וואָר.—

און יאָסעלע האָט ווידער אַ זעאונג פון משיח! ער זעט אים אין זיין בענק־שאַפט, אין זיין גלוסטונג — ווי מיר אַלע זען אים. און ווי מיר, וואָס זען אים און קענען אים ניט גרייכן, אַזוי אויך יאָסעלע. יאָסעלע און משיח ציען זיך מיט בענקשאַפט איינער צום אַנדערן און זיי קענען זיך ניט צונויפקומען. ווי אַ תהום וואָלט זיי פּאַנאַנדערגעטיילט.

און דערביי נוצט אויס לייוויק דעם רייכן אוצר פון יידישן פּאָלקלאָר און לעגענדע און דרינגט טיף אין דעם יידישן מיסטישן געדאַנק: עס קומט פּאָר אַ קאַמף צווישן גוג און מגוג, אַ קאַמף נאָך אַ קאַמף, אַ מלחמה נאָך אַ מלחמה.

די רעוואָלוציע, די משיחישע רעוואָלוציע פון גוג, איז געצוואונגען צו קעמפן קעגן דער קאָנטער־רעוואָלוציע פון מגוג. פּאַלשע משיחים קומען

אויף און פאַרשווינדן. צום סוף ווערט אויסגעטראָטן דער וועג פאַרן אמתן משיח.

און ווער איז דער דאָזיקער אמתער משיח? יאָסעלע קוקט זיך אַרום און דערזעט, אַז דער אמתער משיח איז אַזוי ענלעך צו אים, ווי ענלעך עס זיינען צוויי טראָפּנס וואַסער. מ׳קען זיי ניט אונטערשיידן איינעם פונעם צווייטן. זיי זיינען איינס. יאָסעלע — דאָס פאָלק, די מענטשהייט, איר און איך און מיר אַלע — זיינען דער אמתער משיח! משיח איז פאַרהוילן אין אונדז און ניט אין דרויסן פון אונדז!

דאָס איז לייוויקס משיח! ער איז אין אונדז. און אויב מיר ווילן אים גרייכן, קענען מיר אים אַנדערש ניט גרייכן סיידן פון דעם טיפן אינגעווייד פון אונדזערע אייגענע נשמות.

* * *

לייוויק איז בלי ספק געווען איינער פון די סאַמע גרעסטע יידישע פּאָעטן פון אַלע דורות און צווישן זיינע פילצאָליקע ווערק פאַרנעמט דעם אויבנאָן, באַגליך מיט זיינע גולם־שאַפונגען, זיין דראַמאַטישע פּאָעמע: „אין די טעג פון איוב.״ ס׳איז אַן ערשט־קלאַסיק ווערק, אַ טיף פאַרטראַכט עפּיש ווערק, וואָס ווי אַ פּאָעטישע שאַפונג אויף אַ פילאָסאָפישער קאַנווע, זיינען דאָ אין דער וועלט־ליטעראַטור זייער ווייניק מייסטערווערק, וואָס גרייכן איר מדרגה.

וואָס האָט לייוויקן געטאָן אַנרעגן צו שאַפן אויף די דאָזיקע מאָטיוון, וואָס צייכענען זיך אויס ביי אים: דער פיין פונעם גולם, דער ווייטיק פון איוב, די ליידן פון הירש לעקערט, די עליה דורך אומקום פונעם מהר״ם, דער גרויל פון פערנוואַלד און טרעבלינקע, אא״ז?

אומדירעקט האָט עס לייוויק אויפגעקלערט אין זיין עסיי: „עיקר אידייען און הויפּטמאָטיוון אין מיין שאַפן,״ וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין יאָר 1938. דאָרט דערציילט ער, אַז—דער צער פון פשוטן מענטשלעכן גוף, וואָס ווערט אויפגעבראַכט אויפן מזבח פון נאַציאָנאַלע, סאָציאַלע און געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען. אָט־דעם צער קאָן ער ניט פאַרשווייגן. ער קאָן ניט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, וואָס דאָס מענטשלעכע לעבן ווערט אַזוי צעטראַמפּלט; דאָס מאַטערט אים כסדר. —

אין אַלע לייוויקס ווערק פילט זיך דער הויפּטמאָטיוו, אַז דאָס מענטשלעכע לייב, דער מענטשלעכער גוף, איז הייליק, מחמת אויף אים איז נגזר געוואָרן צו זיין דער עמפּינדלעכער פאַרמיטלער דורך וואָס מענטש ווערט געפּרוווט, און שטייט זיך אויס די גרויזאַמסטע יסורים און פורעניות וואָס טרעפן אים. „דער וואָס איז אין אמתן דערהייבן,״ האָט זיך לייוויק אויסגעדריקט אין זיין באַלאַדע פון דענווער סאַנאַטאָריום, „פאַלט כורעים פאַר אַ יעדנס מינדסטן גליד.״ און מיט אָט־דעם עיקרדיקן מאָטיוו איז דורכגעוועבט אַלץ, וואָס ער האָט געשאַפן.

און דער צווייטער מאָטיוו אין לייוויקס שאַפונגען איז נאָך מער עיקרדיק, און ער באַציט זיך צו דעם, אַז דורך גוואַלד און ברוטאַלער מאַכט קען קיין גאולה ניט געבראַכט ווערן, אַז דער נעכטיקער גואל ווערט דער מאָרגנדיקער טיראַן. אין זיין „איוב״־דראַמע ברענגט לייוויק אין אַ זעאונג דעם סימבאָל פון ברודער־מאָרד, קין, וועלכער זאָגט:

„נאָר ווי, אָבער, איז מיר, ווען יעדער גאָרנישט ווער אַ מערדער,
ווען יעדער קנעכט, ווי נאָר ער ווערט אַ שטיקל תקיף,

ווערט מושל, מלך, פירער, אכזרדיק און האַרט,
נעמט פייניקן, נעמט מאַטערן זיין קרבן,
און נאָך דעם קומט אַ חונף־קנעכט און מאַכט איִם פאַר אַ הייליקן."

דאָס הייסט, אַז פון קינען טוט זיך שוין אָפּ זיין צייכן, און אַז ווײבאַלד מאָרד איז געוואָרן אַ געוויינלעכע זאַך, איז ער, קין, שוין ניט מער אויסגעצייכנט, נאָר איז ניט מער ווי אַן ערב־רב, און ווי איז אים דערפאַר.

דערפון איז געדרונגען — און לייוויק האָט עס אָנגעדייט אַן אויפהער אין אַלע זיינע ווערק — אַז ווי איז צו אונדז אַלעמען, ווי צו יעדן מענטש, וואָס ווײבאַלד די קינס האָבן זיך אַזוי פאַרמערט — ווי קענען מיר, די הבלס, זיך אויס־היטן פון אונדזער גרויליקן גורל?...

דער גרויליקער גורל פון הבל! — צו אָט־דעם גרויליקן גורל זיינען מיר דאָך אַלע אויסגעזעצט — מיר, דער איצטיקער דור־מענטש, וואָס האָט איבער־געלעבט אַזויפיל פיין און יסורים, וואָס אַ טייל פון דעם דאָזיקן פיין איז אויך געוועזן די פיין פון ה. לייוויק.

אונדזער איינציקע טרייסט איז דערביי, וואָס אונדזער פיין ווערט געלינדערט דורך דער אוימגעהויערער שעפערישקייט מיט וואָס אונדזער דור איז באַגנאַדיקט, די גייסטיקע שעפערישקייט פון דעם יידישן פאָלק דורך דעם ווידערגעבוי פון דער יידישער מדינה, און, ועל כולם, די גרויסע קולטור־ירושה, וואָס איז אונדז איבערגעבליבן פון דער גאונישער געשטאַלטיקייט פון ה. לייוויק, זכרו לברכה.

ה. באַרקאַן

## מעק־אויס די זינד

מעק־אויס די זינד, וואָס כ'האָב יאָ און ניט געטאָן,
און פאַרשרייב: כ'וועל מער ניט זינדיקער, געמיינער.
כ'הייב צום הימל זיך, ווי ס'הייבט אויף זיך אַ פאָן —
נאָר דער שטן שאַלטעוועט אין מיינע ביינער.

אָ, וויפיל מאָל כ'האָב צוגעזאָגט מיין אייגן לייב:
כ'פאַרשטער דיר ניט מיט אומרו מער דיין לעבן;
פאַר אַלע קרומקייטן איז מיר אַ בעל־חוב איך בלייב,
נאָר ווי די פרילינג־בלום כ'וועל נאָך שיינקייט געבן.

ס'האָט גאָט אין די בראשית־טעג געזען „כי טוב",
און האָט אַריינגעבלאָזן אין אָדמען זיין אָטעם;
נאָר פויל און זינדיק איז דעם מענטשנס האַרץ אָן סוף,
און אָטעמט מיט דער טומאה פון דעם שטן.

אשא עיני — הייב איך די אויגן צו די שטערן:
וואו איז מיין מזל־שטערן, מיין אויסגעבענקטער שיר?
ס'האָט אַכזר־וועלט געוואָלט ער זאָל פאַרטונקלט ווערן,
נאָר כ'לעב, און ער וועט נאָך אויפשיינען מיט מיר...

**לוי גאָלדבערג**

# צוויי לידער

## ערגעץ־וואו איז כישוף נאָך פֿאַראַן

בלויער הימל. גרינער לאָן. און בערג ווי בייכער.
אַ הייסער זונטיק־טאָג פֿון תמוזדיקן זמן.
די אַלטע געסטהויז, וועלכער בלום־אַלייען מאַכן רייכער,
שטייט אין פֿעלד, און פּאַזע איר אַ שטויסאַרופּיקער פֿאָנטאַן.

די שפּריצן מיניען זיך אין זילבערנע קרישטאָלן.
און געסט אַ סך, פֿאַר אַפּרו־צייט, איז דאָ מיט אונדז.
זיי קומען דאָ אַהער אויף אָפּצופּרישן די אַמאָלן,
און פֿאַר אַ פּרוטה איינהאַנדלען אַ טיף־געאָנטן וואונטש.

זיי שעפּטשען מיט די ליפּן, ווי ביי תּפֿילות פּרעפּלען,
און פּענעס וואַרפֿן זיי צום פֿאָנטאַנס נאַסן דנאָ.
אַז פֿון פֿאַרהוילעניש, ווי זון וואָס גייט אַרוים דורך נעפּלען,
זאָל זיך פֿאַר זיי דער וואונטש־באַשייד באַווייזן דאָ.

אויך איך אין שפּיל, לאָז זיך צו אַ חלום רייזן...
מיין שפּרינגענדיקע פּענע קלינגט, און פֿאַלט אַראָפּ.
און ווי מיין יוגנט וואָלט פֿאַר מיר צוריק זיך ווייזן,
זע איך זיך, אַ שטיפֿערישער יינגל, מיט דעם ווייסן קאָפּ.

בלויער הימל. גרינער לאָן. און בערג ווי בייכער.
אַ הייסער זונטיק־טאָג פֿון תמוזדיקן זמן.
ניט אַלעמאָל ציט זיך ביים מענטש דער וועג אַ גלייכער,
און ערגעץ־וואו איז דאָך כישוף נאָך פֿאַראַן.

## מיין טויבנשלאַק

איך וואוין אונטער פּרצ׳ס דאַך.
אַ זכיה באַשערט מיר פֿון אויבן.
און אויף זיין דאַכיקן פֿלאַך
פֿאַרמאָג איך אַ שלאַק מיט טויבן.

איך שיק זיי, ווען די זון גיט אַ שטראַל,
צו פֿליען, ווי פּאַזועס טוען.
און רוף זיי, ווען נאַכט גיט אַ פֿאַל,
צוריק פֿון די ראַנדעוואוען.

אַמאָל ווערט מיר נעלם אַ טויב;
אַמאָל ווערט דער אַנוועד געוווינערט.
איך היט זיי דערביי, אַז דורך רויב
מיין האָב, זאָל ניט ווערן פאַרמינערט.

איז בין איך געבענטשט פון דער לאַסט
אַ שומר צו זיין ביי דער שצאַטע.
כאָטש טויבן פאַר באַדיונגען פאַסט,
געוועזן איז דער פשט פון מיין טאַטן.

אַז טויבן אויף פּרצ׳ם דאַך
זיין וועלן מיינע געזאַנגען —
דאָס האָט ער אין טרוים ניט געטראַכט,
אין רעיון צו דעם ניט דערגאַנגען.

איז בין איך אַ „באַד־יונג” פון ליד.
(מיין טויבנשלאַק צו לויבן.)
זאָל זיין מיר אויף ווייטער געהיט,
איבער פּרצ׳ם דאַך מיינע טויבן.

---

פינטשע בערמאַן

## ניט פאַר די, וואָס קיינמאָל וויינען

ניט פאַר די וואָס קיינמאָל וויינען,
ווען פרעמד עם זיינען טרערן,
וויל איך זינגען;
ניט פאַר די, וואָס אייביק מיינען,
אַז פאַר זיי נאָר פינקלען שטערן,
וויל איך זינגען.

נאָר פאַר די מיט פייכטע ברעמען,
און מיט יאוש אין די אויגן —
מיינע לידער;
נאָר פאַר די און נאָר ביי וועמען
אי געמיט, אי גוף געבויגן —
זינג איך ווידער.

זאָל מיין וואָרט זיך נאָר דערטראָגן
מיט אַ טרייסט פאַר צעל און קעלער,

און דערקוויקן;
זאָל מיין זינגען און מיין זאָגן
מאַכן ליכטיקער און העלער
האַרץ און בליקן.

און ברויזט אַ זעל וואו אויף מיט האָפן,
טוט דאָס האַרץ אין מיר אַ ציטער
אַזש פון פריידן.
גייען אויף דאַן מיינע סטראָפן,
און איך זינג פאַר שווער געמיטער
און פאַרליידן...

## דער וואָס זאָגט...

דער וואָס זאָגט: ניטאָ קיין משפט
און עס איז ניטאָ קיין שטראָף,
איז אַמאָל אַליין דער ריכטער
און ס'האָט זיין אייגן פסק קיין סוף.

פיין און אומרו פון חרטה
פרעסן שווערער פון אַ קייט;
טיף, ווי ימען, איז דער וויטאָג
און עס מאַטערט ביזן טויט...

דער וואָס זאָגט, אַז אַלץ פאַרביי-גייט,
מעג דער וועג זיין ווילד-פאַרשייט,
ווייסט ניט, אַז דער סנה ברענט אייביק,
און אַז אייביק איז די צייט.

פעלקער-פייערס, דורך די יאָרן,
לייכטן, ברענען העל ביז גאַר,
און דעם, וואָס פרואווט אַמאָל זיי לעשן,
פלוכן הערצער דור-נאָך-דור....

ווערט אַ שטענדיקער אַבאָנענט פון דעם „חשבון"

**מאַטעס דייטש**

# מחשבות אַרום פּראָבלעמען

אַוודאי האָט זיך אָנגעזאַמלט כלערליי געדאַנקען אַרום פּראָבלעמען, ספּעציעל וועגן שרייבער, ביכער, לייענערס, ל ע צ ט ע ן און אומשטערבלעכקייט. אָט־די קאַטעגאָריע איז גאָר גורם אַז די פּילגעדאַנקלעכקייט זאָל אַרויסשפּרינגען פון איר.

אָבער דאָ וועט זיך ריידן דערהויפּט מכוח דער געטאָפּלטקייט אין דער מחשבה.

אונדזער ליטעראַטור האָט אָנגעיאָגט דעם הויכן שטאַפּל פון איר דערגרייך און האָט זיך אויסגעגליכן, אין קוואַליטעט, מיט אַלע ליטעראַטורן, דערהויפּט מיט דער בעלעטריסטיק. מיר טאָרן ניט פאַרגעסן, אַז דער רענעסאַנס פון דער יידישער ליטעראַטור איז איינגאַנצן אַן ערך 60 צי 70 יאָר לעבנסגאַנג; בעת היינטיקע צייטן איז דער מענטש ביכולת צו דערגרייכן קולטור־מדרגות אין עטלע־כע יאָר; ממש אָט דאָס וואָס ס'האָט לויט דער געשיכטע גענומען הונדערטער יאָרן.

בילדונג, טעכניק, וויסנשאַפט זיינען אומשטאַנד אויפצובויען אַ שטאָט מיט אַלע נייטיקע מאָדערנע איינריכטונגען אין אַ משך פון פינף אָדער צען יאָר. אַ גאַנץ לאַנד קאָן מען אויפבויען אין אַזאַ אויסגערעכנטער צייט. אונדזער אייגענע ישראל איז דער בעסטער באַווייז.

ליטעראַטור גייט אויך אַריין אין דער זעלביקער קאַטעגאָריע.

ליטעראַטור וואַקסט אויס, זי בייט זיך, זי ענדערט זיך מיט די כלערליי צייטן וואָס איז איר באַשערט דורכלעבן אינעם פּאָלקישן קיום, אין מענטשנס פּראָגרעס אין אַלגעמיין; בפרט ווען אַלץ שטייגט איצט שנעל, צו שנעל.

אָבער אַ ליטעראַטור, פּונקט ווי יעדער דערשיינונג אין אונדזער ציוויליזאַציע, וואַקסט ניט סתם אין דער וועלט אַריין, אָן אירע נייטיקע פּאַרוואָסן; אַוודאי ניט. עס זיינען פאַראַנען געשיכטלעכע שטויסן און פּאָלקישע כוחות וואָס זיינען גורם אַלץ בייע געבורטן און דעם וואוקס וואָס ווערן אויך ניט ווייניקער שטאַרק געטריבן צו זייער פאַרמירונג און צום גאַנצן פאַרמערן זיך להכעיס אַלע רעאַקציעס וואָס שטערן איר.

דאָס געהער שוין צו די באַזונדערע כוחות פון יחידים וואָס שאַפן אין איר.

ליטעראַטור, ווי יעדער מענטשלעכע פּראָדוקציע, מוז דערפירט ווערן צו פּראָבלעמען; ליטעראַטור איז דאָ ניט קיין אויסנאַם. זי איז סוף־כל־סוף אַ פּראָ־דוקט וואָס פאַרמאָגט אַ מאַרק און אַ קאָנסומענט — מע קויפט און מע פאַרקויפט; איז זי אויך אַ טייל פונעם לעבנס־אַקטיוויטעט; פונעם מענטשנס שאַפן; פון זיין שטרעבן צו דערגרייכן.

דאָס לעבן איז אַ פּראָבלעם; דער מענטש איז אַ פּראָבלעם; זיין קיום און זיין צוקונפט איז אַזוי־נאָך פאַרמירט געוואָרן אין אָט דעם קלעם — פּראָבלעם — טאָ פאַרוואָס זאָל עס דווקא זיין אַנדערש מיט אַלץ וואָס ער שאַפט מיט זיין ווערק? מיט זיין גייסטיק געבערן און פאַרמערן זיין ליטעראַרישע פּראָדוקציע?

געוויס וויסן מיר אַז ס'איז תמיד אַזוי געווען און ס'וועט אַזוי־נאָך שוין בלייבן אייביקן לעולם ועד. אָבער דאָס מיינט ניט אַז שרייבערס דאַרפן זיך ניט וויסנדיק מאַכן וועגן דעם פּראָבלעם און קיינמאָל ניט דורכלופטערן דעם שאַרפן ענין; זאָל עס זיין אַז טאַקע בלויז צווישן זיך; צי אפשר צוזאַמען מיטן לייענער אויך?

דעריבער איז כדאי אָנצוהייבן מיטן סאַמע וויטיקסטן פּראָבלעם, וואָס איז אַזוי היינטיקסט דריקנדיק, בפירוש דער טראַגישסטער אינעם יידישן לעבן — דאָס בוך.

ביכער. ביכער. ביכער.

צווי וועגט מיט פּאַליצעס אָנגעשטויסן מיט ביכער; ס'איז מיין מזרח. שטיי איך לעם זיי זייער אָפּט מיטן קאָפּ אָנגעבויגן — אַן אונטערטאַן פאַר זיין מלך, און מעדיטיר, קרעכץ — וואָס וועט פון אייך ווערן? כל זמן איך לעב, לעבט איר אויך; שטאַרב איך? שטאַרבט איר מיט... איך ווער געפייניקט פון דעם דאָזיקן טראַכטן; איך זוך פאַר דעם בייזן געפיל אַ טרייסט. איך האָב אים געפונען; ער איז גראָד ווי אונטערגעשיקט פון אַ לצנותדיקן רעיון, ווי זיך צו רייצן מיט מיר, איז כאָטש אַזוי נעם איך אים פאַרט אָן; זאָל זיין ווי אַ פּאַציפיסט...

וואָס ווערט פונעם מענטשן? דער באַשאַפער פון אָט דעם אַלעם גוטן? ביכער אַריינגערעכנט. ער מעג שטאַרבן און ביכער ניט?

נאָר דאָס זיינען אויבנאויפיקע מחשבות; אין תוך שטאַרבן ביכער זייער פאַמעלעך. עס ווערט פון זיי אַנטאָלאָגיעס, ליטעראַטור־געשיכטע — קאַנאָני־זירטע מוסטער־ביכלעך. מיט איין וואָרט, ווען איר קוקט אַריין אין רעטראָספּעקט זעט איר אַז ליטעראַטור גייט אַריין אינעם לעבן, ניט אין גאַנצן, ביסלעכווייז יאָ. זי לעבט אינעם לשון, אין פאָלקלאָר, אין פאָלקס־דענקען, אין זיין נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין, יידיש באַוואוסטזיין, בפרט אין ליטעראַטור באַוואוסטזיין.

די ליטעראַטור־וועלט האָט זיך איר באַוואוסטזיין, אַ היסטאָרישן געוויסן.

ס'איז כדאי אַ פלי־טון איבער איר וועלט.

ליטעראַטור־געשיכטע רעדט וועגן שעפערישע תקופות, ליט־צענטערס, שולעס, וועגן ריכטונגען, שטרעמונגען — רענעסאַנסן. זי איגנאָרירט אפילו ניט ליט־רעגיאָנען, די גאָר קליינע סאָרטן פאַרשיידענע ליט־פּראָווינצן וואו שרייבער־גרופּעס האָבן זיך פאַרמירט, צי ס'איז געוועזן אַרום אַ זשורנאַל, אַ זאַמל־בוך, אַן אַלמאַנאַך, אומפּעריאָדישע שריפטן צי יום־טוב־בלעטער. אָט די אַלע אויסגאַבעס פאַרצייכנט זי געטריי; ביי איר ווערט גאָרניט פאַרפאַלן; זי אונטערדריקט גאָרניט, ווייל זי באַטראַכט אַלעס ווי אַ קולטור־ווערט, ווי אַ פאָלקס קולטור־אוצר. דעריבער איז עס דער חוב פון יעדן דור אָפּצוהיטן זיין קולטור־באַשאַף; ער לעבט אין אים; ס'איז זיין אומשטערבלעכקייט פונקט ווי דעם שרייבערס.

דאָך שטאַרבט דער מענטש און עס שטאַרבן ביכער; עס שטאַרבט דער שריי־בער און עס שטאַרבט דער לייענער. דאָס איז אַ פּעסימיסטישער קוק, אפשר גאָר אַן עגאָאיסטישער קוק. ס'איז אָבער אויך דאָ אַן אָפּטימיסטישער קוק. די מענטש־הייט לעבט פאָרט אַן אייביק לעבן און ביכער לעבן צוזאַמען מיט איר אין אָט־דער אייביקייט.

איי טאָמער וועט איר מיר פרעגן: וועמען איז בעסער? דעם גרויסן שרייבער וואָס איז שוין טויט, צי דעם קליינעם שרייבער וואָס לעבט? וועל איך אייך דערויף ניט ענטפערן. איר דאַרפט עס אַליין ביי זיך באַשליסן. ביי דער געלעגנהייט פון אַזאַ מין פאַרצווייפלטער שאלה, איז כדאי אַריינצוקוקן אינעם קאָלאָסאַלן בילד — שאַפן.

קרעאַציע אַליין, פונקט ווי הוילע, סטיכיש געבורט, איז פאַרזאָרגט מיט אַ שטאַרקער עגאָאיסטישער הנאה, אַ סטיכיש צופרידנשטעלן זיך בשעת מעשה,

אינעם אַקט גופא. כאָטש ס'איז אַ מאָמענטאַלער שכר, איז דער פאַקט וואָס סיי דער גרויסער און סיי דער קליינער שרייבער (אפילו דער גראַפאָמאַן) האָבן די זעלבע הנאה בעתן שאַפן. פונקט ווי היגער וואָס לייגן אייער; זיי לייגן זיי נישט פאַר קיין שום „לייענערס" צום עסן, נאָר כדי אויסצובריען אַ דור נייע הינער. דאָס איז אַ געזעץ וואָס קאָן ניט פאַרלייקנט ווערן.

ביי דער ליטעראַטור קומט עס טאַקע פאַר אופין זעלבן פּראָצעס נאָר אַבי־סעלע אַנדערש געשלייערט; זי מוז גראָד האָבן דעם יונגן דור אויף צו פריער, כדי אַרויסציען פון אים אי לייענערס און אי שרייבערס. געוויס פריער לייענערס און ערשט נאָכדעם — שרייבערס. דער שרייבער איז דאָך סוף כל סוף אויך אַ לייענער.

נאָר אָפּטיילנדיק דעם שרייבער פונעם כלל, לייענער, איז ער מיט זיין באַרוף! וואָס איז אַ שרייבער?

דער אַנטפּלעקער, וואָס וויל עפּעס מגלה זיין דעם צווייטן, דעריבער איז ער מיט דעם אינערלעכן כוח וואָס טרייבט אים צו דעם אַז ער זאָל זיינע געדאַנקען און שטימונגען וועלן פאַרעפנטלעכן מחוץ זיין גבול פון זיין עגאָאיסטישער הנאה; ער וויל זיך טיילן מיט זיין וועלט; פּובליקירט ער און פאַרעפנטלעכט זיין וואָרט — זיין יחידותדיקער אַנזאַמל פון מחשבות און דערפאַרונג אויפן געביט פון שרייבערישער עקספּרעסיע.

ממילא קומט עס שוין אויס אַזוי פאַרשפּאַנט, אין אַ חיובדיקן געשפּאַן מצד דעם שרייבער (פונקט ווי די הון) און ער קען בשום אופן זיך ניט אָפּשטעלן און זאָגן: גענוג, אויס, פאַר וועמען? ער קאָן זיך פון דעם „פּראָצעס שרייבן", וואָס ער האָט זיך אין דעם אַזוי פּרייוויליק, מיט ליבשאַפט און גרויס הנאה איינגעשפּאַנט, איז ער ניט ביכולת אויסצושפּאַנען זיך פון דעם. און ער טאָר ניט.

פאַרוואָס ?

זיין צעך פאָדערט עס פון אים; זיין שרייבער־סביבה; די ליטעראַטור פאָדערט עס פון אים; זי האָט אויך עפּעס וואָס צו זאָגן אין דעם פּרט; ס'איז שוין געוואָרן אויס פּערזענלעכער ענין נאָר אַ ליטעראַרישער קאָלעקטיוו, אַ שרייבער־וועלט מיט אַ ספּעציפישער ליטעראַטור־ספערע; אַ ליטעראַטור־וועלט אין וועלכער ער לעבט אין איר און וויל בפירוש בלייבן אין איר אוניווערז כאָטשבע ווי אַ קליין שטערנדל...

דאָס האָט שוין צו טאָן מיטן שרייבערס באַוואוסטזיין און געוויסן, אַחריות!

ווי מיר זעען דעם גאַנצן ליטעראַטור־מצב פון אַמאָל און היינט איז עס אַ ספערע אין אַ ספערע פון שטענדיקע טוישונגען דורך פאַרשיידענע אַקציעס, וואָס שטייגן און פאַלן אין זייערע ווערטן לויטן קורס פון וועלט־פּראָגרעס און ליטעראַטור־דערגרייך.

דאָס באַציט זיך בנוגע סאָציאַלע, עקאָנאָמישע און קולטורעלע ווערטן; ביז אין אַ געוויסן גראַד — נאַציאָנאַלע אַספּעקטן — וואָס נערן זיך פון טראַדיציע, מאָראַל און עטיק. אָבער די קינסטלערישע אַספּיראַציעס זיינען תמיד רעוואָלו־ציאָנער; זיי זיינען שטענדיק מרעיש עולם סיי אין זכות פון דער מחשבה וואָס לאָזט זיך ניט אונטערדריקן און סיי אין דער אינטעגריטעט מצד דער קינסטלערי־רישער אינאָוואַציע, וואָס זוכט אַלע מאָל די כסדרדיקע עכטע שלימות.

שטאַרקער געזאָגט: דער קינסטלער איז קיינמאָל ניט צופרידן, נאָר אַדרבא — אומרואיק! דעריבער איז ער אַנדערש; ס'איז זיין חוב צו זוכן די אַנדערשקייט.

פון וואַנענד קומט בכלל די אַנדערשקייט צום מענטשן? צו שאַפער בפרט?

פון דעם דואַליזם אין דער וועלט, אין דער נאַטור, אין אַלץ; בפרט דער בן־אָדם, וואָס איז דורכאויס מיט געטאָפּלטע מחשבות.

ביים זאָגן, געטאָפּלטע מחשבות, מיינט עס ניט צו דיסקרעדיטירן דעם מענטשן, חלילה. פאַרקערט, עס באַווייזט דווקא אַז ער איז אין איינקלאַנג מיט דעם אַלעמען וואָס עקזיסטירט אין דער פאַראַנענער וועלט און פירט זיך אַזוי־נאָך וואָס שטעלט אונדז אַקעגן דואַליסטישע מאַניפעסטאַציעס — געטאָפּלטקייט.

אָט איז אַ קורצע אילוסטראַציע פון אַ געטאָפּלט וועלט־בילד; דעם מענטשן, וואָס איז אַ שרייבער, אויך אַריינגערעכנט.

ואלו הן:

צום אַלעם ערשטן: לעבן און טויט, ליכט און פינצטערניש, היץ און קעלט, חיה און מענטש, מאַן און פרוי, יונגשאַפט און אַלטקייט; יאָ און ניין, אפשר און טאָמער, און דער עיקר — מחמת דער שאַרפסטער און ווייטיקסטער — גלויבן און ספיקות.

אָט די טאָפּלטקייט איז פאַראַנען אינעם מענטשנס מחשבה; אין זיין טראַכטן און דענקען, אין זיין אַבזערווירן און באַנעמען. אָט־דער דואַליזם הויערט אין אים מיטן רויש פון אַ וואַסער־פאַל. עס מאַכט אים זייער אומרואיק; עס פאַר־ביטערט אים זיין לעבן, און די פעולה? עס פירט אים צו זיין אַנדערש. מיינסטנס איז עס עלול אויפן קרעאַטיוון מענטשן. ווי מיר זעען, איז נאָר אים שטויסט די אַנדערשקייטן צו זוכן נייע אויסוועגן, נייע מינים ספערן און וועלטן — קינסטלע־רישן אויפלייז.

יעדער שאַפער מוז זיך אויסלאָדן פון זיין „איכיקער“ דערפאַרונג.

אין אַ געטאָפּלטקייט איז אַלע מאָל דאָ אַן ערשט און אַ צווייט. דער ערשטער אַנטדעקט, אַנטפּלעקט מיט התלהבות, ראָמאַנטישקייט — קערנער; דער צווייטער — פאַרניינט און פאַרשטיינט מיט ספיקות־שטיינער.

פון דעם זעען מיר ווי אַלץ איז געטאָפּלט אַ חוץ גאָט, וואָס איז כסדר איינציק אין זיין נישט קענען געטאָפּלט ווערן און טאָר טאַקע ניט לויט דעם מענטשנס השגה, וואָס גאַרט אַלצדינג באַגרייפן לויט דער געטאָפּלטקייט. גאָט קאָן ניט געטאָפּלט ווערן. אָדער ער איז דאָ, ווי ער איז ביים גלויביקן — איינער! כולו אחד! אָדער ער איז דאָ, ווי אין דעם ספיקותדיקן פאַרניינען ביים אַפּיקורוס, וואָס שרייט אַז ס'איז ניטאָ קיין גאָט, כאָטש ער דערקלערט אים פונדעסטוועגן אַ מלחמה אויף טויט און לעבן — אַ מלחמה קעגן אַ **יש**, וואָס לויטן אפיקורסות עקזיסטירט ער לגמרי גאָרנישט...

ווי עס זאָל ניט געטראַכט ווערן — גאָט איז ניט קיין געטאָפּלטקייט.

בלייבט עס — צוריק צום מענטש, צום שרייבער, צום לייענער, צום בוך.

יעדער מענטש טראַכט און דענקט, אָבער ניט אַלע זעצן זיך אַוועק שאַפן פון דעם פילאָסאָפישע פּרינציפּן און טעאָרעטישע טראַקטאַטן. אַזוי מיט פּאָעזיע, נאָוועלן, דראַמעס, מוזיק, מאָלעריי, וויסנשאַפט און געשיכטע. דאָס ווערט בלויז געטון פון די וואָס ווערן געשטויסן פון דער אַנדערשקייט זייערער. מהאי טעמא

זיינען זיי טאַקע אַנדערש פון סתם טראַכטער און דענקערס, וואָס טין־טוען זיי גאָרנישט לגבי דעם ווערט — שאַפן.

שרייבער האָבן דעם געדולד פון דער נאַטור. זי ווייסט ניט פון קיין זייגער...

ס'איז די אַנדערשקייט, וואָס האָט פון זיי אַרויסגעדולדיקט פּאָעזיע, פילאָסאָפיע, נגינה, מאַלעריי, מוזיק, וויסנשאַפט — דעם גאַנצן סכום מענטשלעך־גייסטיקע קולטור.

ווען עס רעדט זיך וועגן שרייבערס, זאָל מען תמיד אין זינען האָבן אָט־די וואָס שרייבן ביכער. ווען עס רעדט זיך פון לייענערס, איז אויך דאָס געמלעכע — וואָס לייענען ביכער.

די שרייבער־וועלט שטרענגט זיך אָן צו אַנטדעקן און אַנטפּלעקן דאָס געמיט פון דער וועלט, דעם מענטש וואָס נערט אין זיך געדאַנקען און געפילן. דאָס גיט זי איבער לויט די שרייבערישע מאָדוסן. די לייענער־וועלט גיט דעם שרייבער צוריק דעם סטימול מיט דעם וואָס זי באַשאַפט אַ פאָדערונג פאַרן בוך.

שוין דער פאַקט אַליין, וואָס קויפן אַ בוך איז ווייט ניט דאָס זעלבע ווי קויפן אַ צייטונג. עס פאָדערט זיך אַ ספּעציעלע ליבשאַפט פאַר קויפן אַ בוך. אַ סך מאָל ווערט עס ביי געוויסע מענטשן אַ פּראָבלעם פון אַ ספּעציפישער שוואַכקייט...

אַ צייטונג וועט קיין פּראָבלעם־שוואַכקייט ניט שאַפן ביי קיינעם. ס'איז איבערגעלייענט און אַרויסגעוואָרפן. אַ בוך איז אַנדערש. מען וואַרפט עס ניט אַרויס יעדן טאָג.

דווקא די צייטונג, וואָס שטעלט צו נייעס, פּאַסירונגען, געשעענישן, און האַלט אונדז פאַרבונדן מיט דעם וועלטס־אָטעם אין איר טאָג־טעגלעך לעבן און האָוון, זי איז דווקא ביי אונדז זייער ביליק — יעדן טאָג אַ פרישע, ווי זעמל מיט קאַווע. אַ טרונק קאַווע, אַ ביס זעמל און איר שוועבט אין די היך־כוואַליעס פון פּאָליטיק. אַ זופּ קאַווע און איר קוקט אַריין ווייטער לייענענדיק וועגן אַ קאַטאַסטראָפע, אַ גט־פּראָצעס. אַ ביס זעמל, אַ זופּ קאַווע און איר זענט שוין אין אַלקאַטראַז, וואו מען פירט איינעם הינטער צום באַליגן אין גאַז־קאַמער. קאַווע, זעמל — צייטונג. יעדן טאָג דאַרף זי זיין פריש, כאָטש מאָרגן וואַרפט מען זי אַרויס. אַ צייטונג שטעלט צו דעם שיינעם גוט־מאָרגן פון דער ציוויליזאַציע מיט איר ליכטיקער פינצטערניש, וואָס מאַכט טעמנע גאַנץ פרי דעם פרימאָרגן וואָס לאָזט צו וויסן אַז מ'קאָן שוין אין צוויי שעה צייט מיט אַ 50 מעגאַטאָן אַטאָם באַמבע אויפרייסן אַ גאַנצן קאָנטינענט, וואָס וועט ניט שיינען ווי דער פרימאָרגן.

און דאָס אַלעס ווערן מיר געוואויר צווישן איין זופּ קאַווע און אַ ביס זעמל!

הכלל, מיר האָבן אַ גוטע ציוויליזאַציע. נאָר ניט מער, מיר דאַרפן אויך גוט געדענקען אַז אַ ג ו ט ע זאַך קאָן מען גאַנץ גוט פאַרלירן...

ביכער. ביכער. ביכער.

ווי מקנא איך בין אייך, וואָס איר דאַרפט זיך ניט זאָרגן פאַר מיר; איר וואָלט ניט אויסגעהאַלטן און אַראָפּ פון די פּאָליצעס און מיר גענומען מונטערן מיט חלשות־טראָפּנס.

איך קאָן אייך אפילו דאָס אויך ניט געבן !

יידישע ביכער בפרט, האָט געדולד מיט מיר; לאָזט מיר כאָטשבע שטיין לעם אייערע שערענגעס קאָמפּלעטן און באַזונדערע בענד; שטיין מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ; שטיין שטיל און דמיונען שרייבערישע מעדיטאַציעס.

איך בין דער לעצטער שרייבער. דער לעצטער לייענער. דער לעצטער פון די לעצטע, וואָס ווייסט דאָס אַלעס און דאָך איז ער ווי די הון וואָס לייגט אייער — ער גיט אַרויס ביכער.

וואָס פאַר אַ כוח ליגט אין אים פאַרבאָרגן ? !

אַזוי איז נאָר דער כוח פון געבורט. אויך אַזוי איז דער כוח פון שרייבערס באַוואוסטזיין, אַז קרעאַציע איז דאָס געוויסן פון לעבן.

און געוויסן איז קיינמאָל ניט קיין לעצטער; אַדרבא, די ערשטע מחשבה פון דעם געטאָפּלטן טראַכטן איז דאָס געוויסן וואָס ראַנגלט זיך מיטן וויסן פון ראשית חכמה איז די מורא פאַר אונטערדריקן גאָטס גייסט...

אמת, די וועלט פאַרמאָגט שוין ביליאָנען ביכער. וואָס סע וועט זיין מיט די כיבער־ביליאָנען וועט אויך זיין מיט די מיליאָנען ר׳ יידיש בוך.

וואָרעם אויב די לאַגע איז שוין אַ מיליאָניקע לאַגע, איז זי גאָרנישט אַזוי שלעכט, ווייל וועגן אַ מיליאָניקער פראַגע דאַרפן מיר זיך ניט זאָרגן, מיר זיינען עס ניט מחויב; ס׳איז אַן ענין פאַר דורות — פאַרן גאַנצן פאָלק!

אָט אַזוי ווייזט זיך די געטאָפּלטקייט אין אונדזער מחשבה: איז אַרום אונדז פינצטער און שלעכט, קוועלט אונדז, טראַכטן מיר פון אַן איבערטויש, ס׳מוז ווערן בעסערע און מיר הייבן אָן גלויבן אין דער בעסערקייט. חלילה פאַרקערט, ווען עס גייט דעם מענטשן גוט, הייבט עס אים אָן שרעקן אַז די זאָרגלאָזיקייט זאָל ניט פירן צו שלעכטע פינאַלן. — מיר זיינען געטאָפּלט אין אונדזערע פריידן און ליידן מיט געטאָפּלט טראַכטן.

דאָס איז אָרגאַניש נאַטירלעך אין אונדזער דענקען — געטאָפּלטע מחשבות — דער געזונטסטער אויסוועג אין פּראָבלעמען וואָס קלעמען.

מחמת צוריק געשמועסט:

הלמאי זאָרגן מיר זיך ניט וואָס אין הונדערט טריליאָן יאָר אַרום וועט אונדזער פּלאַנעט צעשטויבט ווערן אין אַטאָמען שטויב? כאָטש דעם אמת געזאָגט, איר וועט עס מיר געוויס גלויבן, ווען איך האָב וועגן דעם געלייענט אין אַ געאָפיזישן בוך פון איינעם וואָס איז אַ גרויסער אויטאָריטעט אין אַסטראָנאָמישער וויסנשאַפט, האָט מיר מיין האַרץ גראָד יאָ אַ שטאַרקן צאַפּל געטון... טסע! המ־צע!

עס דערמאָנט מיר אין מיין לאַנדסמאַנס זאָרג מכוח אָט־די פּראָבלעמען.

ער באַגעגנט מיך מיט אַן אָפּטימיסטישן „העלאָ! וואָס מאַכסטו, מאַטעס, שרייבסט?"

ניין", ענטפער איך אים אין אַ דערדריקטן טאָן, „אויס! אויפגעגעבן! גענוג!"

„טאַקע?!" גיט ער ממש אַ פּליעסק מיט די הענט, „נע! פאַרוואָס? נישט געדאַרפט."

„ניט נאָר איך, נאָר אַלע יידישע שרייבערס האָבן זיך צענויפגערעדט און באַשטימט: אויס. גענוג. מער נישט!"

„וואָס רעדסטו!" גיט ער זיך אַ טרייסל, ווי סע וואָלט אים געטראָפן די ערגסטע בשורה אין זיין לעבן. (דער מענטש לייענט ניט און קויפט ניט קיין בוך; ער ווייסט פון אַנדערע לאַנדסלייט אַז איך בין אַ שרייבער). „אַזוי, מע שרייבט ניט, מ׳דרוקט ניט קיין ביכער. אַזוי שלעכט איז די לאַגע?! ניש גוט, מאַטעס, ניש גוט"..

אָט דאָס איז אויך אַ טייל פון דער געטאָפּלטער מחשבה. .

נאָר צוריק צו מיין טראַכטן:

וואָס פאַרט וועט ווערן פון מיינע ביכער?

דאָס זעלבע וואָס פון שעקספירס?! אַז מיט אומשטערבלעכקייט איז אפילו אונדזער פּלאַנעט ניט זיכער. איז ווי קאָן מען ריידן פון שעקספּירס צי... חיים דודס?

יידישע ביכער, ווי איר זעט, וגם יידישע שרייבערס, ווערן אַ וועלט־פּראָבלעם פּונקט ווי אַלע וועלט־פּראָבלעמען.

אַ סך מאָל טראַכט איך אַזוי: אומשטערבלעכקייט האָט טאַקע ניט קיין גרעניץ אָבער אַ ריכטיקע מאָס? אַן עכטע — יאָ! און דאָס פאַר יעדן איינעם לויט זיין שאַפן, לויט זיינע פאַרדינסטן. די מאָס איז אויפן שטח פון צייט. אַ רגע און אַ מיליאָן יאָר איז אין צייטאייביקייט, אין דער קאָסמישער לאַבאָראַטאָריע, איינס און דאָס זעלבע, צי גאָר דאָס זעלבע אין — איינס.

און איצט מכוח דער בייזער שרעק — לעצטער

די טאָפּלטע מחשבה גיט אונדז האָפענונג אַז סע וועט נאָך קומען די צייט ווען מ'וועט גאָר אַרומזוכן דעם לעצטן יידישן שרייבער, און דווקא ניט מיט קיין סך ליכט וועט מען אים דאַרפן זוכן. איך דרינג עס דערפון וואָס אין יעדן דור איז געווען אַ ל ע צ ט ע ר שרייבער... די געשיכטע האָט אונדז אָבער אָפּגענאַרט און באַוויזן אַז פונעם „לעצטן" איז גאָר געוואָרן — אַן ערשטער!

ליטעראַטור איז דאָס געבורט פון לעבן; און לעבן וועט ניט אויפהערן; מיט דעם לעבן צוזאַמען וועט די ליטעראַטור ניט אויפהערן. אַזוי זאָגט מיר אַריין אין אַלע מיינע רמ"ח אברים געפילן און שפירונגען דאָס אָפּטימיסטישע קול פון:

גלעטאָפּלטע מחשבות.

איז וואָס זאָגט איר, לייענער?

אומזיסט שרעקט זיך מיין לאַנדסמאַן ..

# פייערונג אין לאָס אַנזשעלעס לכבוד די פּרעמירטע שרייבער א. קאַרפּינאָוויטש און מאַטעס דייטש

אַ פייערונג לכבוד די פּרעמירטע שרייבער וועט פאָרקומען אין ל. א. יידישן קולטור קלוב, 4213 מאָנראָו גאַס, שבת אָוונט, דעם 25טן יאַנואַר, 1934.

א. קאַרפּינאָוויטש פון תל־אביב האָט באַקומען די פרידלאַנד פּרעמיע פאַר זיין דערציילונג „מאירקע יאַפאַן", געדרוקט אין דער „גאָלדענער קייט" נומער 46, און מאַטעס דייטש פון ל. א. פאַר זיין עסיי „דער ייד פון ליד," וועגן יעקב גלאַטשטיינס שאַפונגען, לכבוד זיין 65 יאָריקן יובל. די עסיי איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון י. ל. פּרץ פאַרלאַג אין תל־אביב, 1963. יעדע פּרעמיע באַטרעפט 200 דאָלער. די זשורי איז היי־יאָר באַשטאַנען פון: זלמן זילבערצווייג, ה. לאַנג, נח גאָלדבערג, און דער גרינדער פון פאָנד, י. פרידלאַנד.

די פייערונג וועט דורכגעפירט ווערן אונטערן פאָרזיץ פון זלמן זיבערצווייג; ה. לאַנג וועט רעפערירן וועגן מאַטעס דייטש'ס עסיי; נח גאָלדבערג, וועגן קאַרפּינאָוויטשעס דערציילונג. באַגריסונגען פון קולטור אָרגאַניזאַציעס; באַגריסונגען פון די פּרעמירטע. אַ שלוס־וואָרט פון דעם בעל־הפּרעמיע און אויסטיילן די פּרעמיעס. קאַנטאָר נתן קאַצמאַן וועט פאָרטראָגן לידער פון אונדזער דיכטונג; יום־טובדיקע טישן און כיבוד.

ראָבערט פראָסט — פון ענגליש: מ. ז. טקאַטש

# אַ פאַרבעטונג

איך גיי אין פאַשעפעלד רייניקן דעם קוואַל;
איך וועל אַרויסגראַבליען די בלעטער נאָר
(און אפשר שטיין ביז ס׳וועט דאָס וואַסער קלאָר);
כ׳וועל זאַמען זיך ניט לאַנג. קום אויך מיט מיר.

איך גיי אַהיימברענגען דאָס קליינע קאַלב
וואָס לעם זיין מאַמען שטייט. ס׳איז אַזוי יונג,
עס וואַקלט זיך ווען זי לעקט עס מיט איר צונג.
כ׳וועל זאַמען זיך ניט לאַנג. קום אויך מיט מיר.

# דער טעלעפאָן

— ווען איך בין היינט פאַרגאַנגען אַזוי ווייט פון דאַנען,
אַז ווייטער האָבן מיך די פיס שוין ניט געטראָגן,
געוועזן איז אַ ווײַלע אַזוי שטיל אַרום,
אַז ווען איך האָב מיין קאָפּ געבויגן צו אַ בלום
האָב איך געהערט דיך ריידן ווי כ׳וואָלט דאָ געשטאַנען.
ניט זאָג אַז ניט, ווייל כ׳האָב געהערט דיך זאָגן...
(דו האָסט אַריינגערעדט
אין יענער בלום וואָס אויף דיין פענצטערברעט).
געדענקסטו וואָס דו האָסט געזאָגט?

— זאָג דו צוערשט
וואָס דיר האָט אויסגעדאַכט זיך אַז דו הערסט.

— אַז כ׳האָב די בלום געפונען און אַ בין פאַריאָגט
האָב איך דעם קאָפּ גענייגט,
געהאַלטן ביי דעם שטענגעלע די בלום,
אָן אויער צוגעלייגט,
און ס׳האָט זיך מיר געדאַכט
אַז כ׳האָב פאַרנומען...
וואָס? האָסטו ניט ביים נאָמען מיך אַ רוף געטאָן?
צי האָסטו ניט געזאָגט מיר אַז איך זאָל?...
ס׳האָט עמיצער געזאָגט מיר „קום״.
אַזוי האָב איך געהערט ווי אויפן טעלעפאָן.

— קאָן זיין איך האָב אַזוי געטראַכט,
נאָר ניט געזאָגט עס אויפן קול.

— איז אָט בין איך געקומען.

י. פרידלאַנד

# אייפּערזוכט

(דערציילונג)

ס׳איז געווען אַנהייב פרילינג. אין אַ שיינעם, לויטערן און זוניקן טאָג האָט אונדזער אַ קליינע אינטימע גרופּע, מענער און פרויען, פון מיטעלן עלטער, פאַרווײַלט אַ גאַנצן טאָג ביי דער פרייער נאַטור אין אַ פּריוואַטן „קעמפּ״, אין איינעם פון די שיינע וואונדערלעכע „קעניאָנס״ אין דער זוניקער קאַליפאָרניע.

דער גאַנצער טאָל, די גרעסערע און קלענערע פוס־בערגלעך זיינען באַדעקט געווען מיט אַ פרילינגדיקע, פרישע, ליכטיקע גרינקייט. די זון האָט מוטערלעך־געטריי געוואַרעמט און העל באַשטראַלט באַרג און טאָל, פעלד און וואַלד.

מיר האָבן מיט באַגייסטערונג, ווי גרויס־שטאָטישע, באַוואונדערט די שיינ־קייט פון דער נאַטור און די שטילע תמימותדיקע אידיליע פון דעם גאַנצן אַרום.

פון צייט צו צייט איז די שטילקייט איבערגעריסן געוואָרן פון אַ טעמפּן בלאָזן פון אַן אויטאָמאָביל „האָרן״, דורכשניידנדיק די געשלענגלטע אַספאַלט־וועגן, פון די אַנטקעגנדיקע בערג, דערמאָנענדיק אונדז אָן דער שטאָטישער ציוויליזאַציע.

פון דער קליינער גרופּע זיינען אַלע, ווער געזעסן און ווער געלעגן, אויף אַ זוניק־פלאַך, גרין־באַוואַקסן בערגל און זאָרגלאָז געפּלוידערט פון אַלץ אין דער וועלט.

טייל פרויען פון דעם אינטימען קרייז, זייענדיק היימיש און פריי, האָבן לויז געמאַכט זייערע לייכטע אויבער־בלוזקעס, טיילוויז צוגעדעקט זייערע אַנטבלויזטע בריסט; געוואַלגערט זיך אויפן גרינעם גראָז און געבאָקן זייערע אינגאַנצן נאַקעטע אָרעמס און פּלייצעס אַנטקעגן דער פרילינג־זון. געטאָן האָבן עס די פרויען, וועלכע זיינען געווען די גליקלעכע באַזיצערינס פון שיינע, אויסגעפּילטע, גלאַטע אָרעמס און פּלייצעס. זיי האָבן זייער שיין לייב־נאַקעטקייט באַוויזן מיט שטאָלץ און מיט וויניק שעמעוודיקייט.

עטלעכע פון די מענער האָבן נאָך דרייסטער אַרונטערגעוואָרפן פון זיך זייערע אויבער־ און אונטער־העמדער, ביזן גאַרטל, און פריי געלאָזט זייער לייב זיך לופטערן און באַקן אַנטקעגן די שטראַלן פון דער הייסער זון.

ס׳איז געווען פון יענע טעג אין פרילינג, ווען איר ווערט ווי עפּעס באַהויכט מיט אַזאַ מאָדנער בענקשאַפט נאָך עפּעס, וואָס ווערט אָנגערופן מיט דעם וואויל־באַקאַנטן נאָמען: „פרילינג־פיבער.״ באַזונדערס ווערט איר פון אַזאַ שטימונג היינגעריסן ביי דער נאָענטשאַפט מיט דער נאַטור. ס׳האָט זיך געפילט אין יענעם מאָמענט ווי די גאַנצע נאַקעטע נאַטור אַרום איז באַהויכט מיט עראָטישקייט און וואַרעמע גלוסטנדיקע באַגערן... די מער טעמפּעראַמענטפולע פון קרייז האָבן זיך ליבלעך געטוליעט איינע נעבן די אַנדערע און אַ גנבה־קוש איבערגעלאָזט אויף דער נאַקעטקייט פון איינערס אָדער איינעמס לייב. שפּעטער האָבן טייל פאַרלעך פאַרבלאָנדזשעט אין די אַלייען פון דערבייאיקן וועלדל...

ווען ס׳איז טונקעלער און קילער געוואָרן איז דאָס קרייזל זיך צוזאַמענ־געקומען אין דעם קליינעם קלוב־צימער פון „קעמפּ״, און אַרום אַ פרייליכן קאַמין־פייער ווידער געשמועסט און דערציילט כלערליי מעשיות, אייגענע איבער־

לעבונגען און דערפאַרונגען; ביז מ'איז אַרויפגעקומען אויף דער אַלט־נייער טעמע: ליבע, הייראַט, אייגנס, פרעמדס און אייפערזוכט... די מערסטע האָבן אנטייל־גענומען אינעם שמועס, ווי דאָס ריידן אַליין וואָלט געווען אַ מין באַפרידיקונג פון געמיט... טייל האָבן אפילו אָפן זיך אַרויסגעזאָגט, כאָטש זיי ווייסן, אַז אייפערזוכט בכלל איז נישט קיין אנגענעמער געפיל, דאָך פילן זיי, ווען ס'רירט זיי אָן, ווערן זיי באַהערשט פון דעם געפיל איינגאַנצן. די ליבע־אייפערזוכט פרעסט זיך איין אין מוח, אין פלייש און בלוט און גיט זיי נישט קיין רו...

— און איך וועל אייך דערציילן פון אַ פּערזענלעכער איבערלעבונג, וואָס אַ צייט לאַנג איז עס פאַר מיר אַליין ניט קלאָר געווען, ווי אַזוי איז עס בכלל גאָר מעגלעך געווען! — האָט זיך פלוצלונג פון אַ זייט אָפּגערופן דער תמיד שטילער און באַשיידענער מר. מייקעלסאָן. ער האָט מיטאַמאָל געצויגן אונדזער אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט און אינטערעס, קענענדיק אים ווי דער גרויסער שוויגער פון אונדזער קרייז.

— אינטערעסאַנט, אינטערעסאַנט — האָבן אַלע מיט איינמאָל אים געבעטן ער זאָל דערציילן.

— דאָס איז געווען — האָט ער געלאָסן אָנגעהויבן — תיכף נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין איינע פון די גריסע אינדוסטריעלע שטעט אין אַמעריקע. די שפע אין לאַנד איז געווען גרויס, אַלץ איז געווען באַשעפטיקט; אַלע האָבן גוט פאַרדינט און מ'האָט זיך ממש געבאָדן אין וואוילטאָג. איך בין צו יענער צייט נאָך ניט געווען פאַרהייראַט. אַן אַלטער בחור מיט געלט, האָב איך מיר פונדעסטוועגן ניט געאײַלט זיך חתונה האָבן, כאָטש ס'האָבן זיך געשדכנט צו מיר יונגע ווייבלעך און מיידלעך. כ'האָב אָבער ניט געפונען דאַן די פאַסיקע. איר ווייסט דאָך—ווענדנדיק זיך צום קרייז צוהערער — אַז מיר איז ניט אַזוי גרינג צו צוטרעפן...

צו יענער צייט בין איך געווען אַן אַריינגייער צו אַ פּאָר־פאָלק, די מילמאַנס; געווען ביי זיי אַ נאָענטער הויז־פריינט. געקענט האָב איך די מילמאַנס נאָך פון דער אַלטער היים. געקומען זיינען מיר קיין אַמעריקע אין דער זעלביקער צייט. אין אויסזען און געשטאַלטונג זיינען זיי ביידע, דער מר. מילמאַן און פרוי מילמאַן, געווען גוואַלדיקע קאָנטראַסטן: ער אַ קליין־געוויקסיקער מיט אַביסל אַ צו־גרויסע שפּיציקע נאָז, צו־גרויס פאַר זיין קליין פנים, מיט אַ ברייט צעעפנט מויל און קרומע ציינער. מ'קען זאָגן, אַן אָפּשטויסנדיקע פיזישע פאַרזענליש; אָבער אַ זייער וואוילער מענטשל, אַן אמתע גוטע נשמה! זי, פאַניטשקע, זיין פרוי, איז געווען פונקט דער היפוך פון אים — אַ הויכע, אַ שלאַנקע, אַזאַ בויגיקע, מיט אַ שיין ברוין פנים. אירע טיפע טונקל־ברוינע אויגן האָבן תמיד און נאָכאַנאַנד געשמייכלט. אין איר יעדן ריר און בויג פון איר שלאַנגיקן קערפּער איז געווען אָן אַ שיעור חנעוודיקער רייץ און פול מיט אַרויסרופנדיקע באַגערן... ווי אַזוי און וואָרום אָט־די צוויי ניט־גלייכע פּאָר האָבן זיך בכלל גאָר געקענט פאַראייניקן אַלס מאַן און פרוי, איז צו דעם רוב געבליבן אַ רעטעניש. זייענדיק מיט די מילמאַנס פון איין שטעטל האָב איך יאָ געוואוסט די סיבות און אויך זייער לעבנס־געשיכטע.

געווען איז עס אַ געלט־שידוך. זי, אַן אָרעמע, עלנטע יתומה; ער—אַ רייכנס אַ זון. נו, האָט זי אים גענומען צוליב די באַקוועמלעכקייט און זאַטקייט

פון לעבן, וואָס זי האָט אַזוי ווייניק פון דעם געהאַט אין איר יוגנט און נאָך וואָס זי האָט אַ לעבן־לאַנג אַזוי שטאַרק געגאַרט און געבענקט...

ביט קיין אומגעווײנלעכע דערשיינונג.

מילמאַן האָט זי געגומען, ווי מ׳זאָגט: „ווי זי גייט און שטייט", און אַפּגעהיט האָט ער זי ווי אַ פּרינצעסין. קיין זאַך איז פאַר אים ניט שווער געווען איר מיט אַלץ און פון דעם בעסטן איר צושטעלן.

— פּאַניטשקען — האָט ער זיך ניט איינמאָל אויסגעדריקט — טאָר קיין זאַך ניט אויספעלן, נאָר פאַרגעניגן זאָל זי האָבן; אַ רייכע היים, שיינע מלבושים און פון אַלדאָס גוטס! וואָס דאַרפט איר מער, אפילו אַ געליבטן האָט ער אויף אַן אומדירעקטן אופן געפּרואווט איר צו פאַרשאַפן. יאָ, יאָ, ס׳איז נישט קיין שפּאַס! מאָדנע ווי דאָס וועט צו אייך קלינגען, אָבער איך דערצייל אייך דאָ נישט קיין אויסגעטראַכטע מעשה; איך אַליין בין געווען דער פאַרגעשלאָגענער פון אים, צו זיין ד ע ר, אויסצופילן אָט־די אויסטערלישע שליחות...

— פריינד מייקעלסאָן — זאָגט ער צו מיר איינמאָל, זייענדיק מיט אים אַליין — ווארום האַלט איר זיך אַזוי פרעמד צו מיין פּאַניטשקען?... פאַרברענגט מיט איר, גייט מיט איר אויס, זייט מיט איר אַביסל נעענטער. גלויבט מיר, כ׳וועל אייך אָסור עפּעס אויסריידן אָדער אין כעס זיין אויף אייך. פּאַרקערט, איך וועל זיין צופרידן. בפרט — פאַרטרויט ער מיר אַ סוד — אַז פּאַניטשקע, אויב איך מאַך נישט קיין טעות, איז ניט גאָר אינגאַנצן גלייכגילטיק צו אייך. טוט עס, פריינט מייקעלסאָן, זייט ניט פרעמד צו איר — דערמאָנט ער עס מיר ביי מיין פאַרלאָזן אים.

כ׳האָב אָנגעקוקט דעם פאַרשווינדל, ניט געקענט אים פאַרשטיין. כ׳ווייס ער איז ניט דער מענטש פון לצנות, מיינט ערנסט יעדן וואָרט וואָס ער זאָגט. כ׳ווייס אויך, אַז ער האָט ליב זיין פרוי ביז משוגעת — און וועלכער מאַנסביל וואָלט אַזאַ שיינהייט נישט ליב געהאַט?

איך בין זיך פאַר אייך מודה, אַז גאָר אינגאַנצן גלייכגילטיק בין איך צו איר אויך נישט געווען. און דאָ רעדט צו דיר דיינער אַ נאָענטער פריינט, אַזעלכע מאָדנע רייד... ער וואַרפט ממש זיין ליבע פרוי אין מיינע אָרעמס אַריין. דאָך האָב איך ניט געוואָגט!

זי, פון איר זייט, האָט אָנגעהויבן מיר אַרויסוויזן אַ נאָענטשאַפט דורך פאַרשיידענע וועגן און אופנים. פריי, אומגעשטערט, פלעגט זי מיך אַרומנעמען, גייענדיק מיט איר שפּאַצירן אָדער אין טעאַטער, ביי קאָנצערטן און פאַרזאַמלונגען. כמעט אומעטום האָט מען אונדז געזען צוזאַמען. נו, געוויס האָבן זייטיקע גערעדט און באַרעדט. ווארעם טאַקע ווי אַנדערש? אויף אירע אָנצוהערענישן וועגן ליבע, אויסלעבן זיך וכדומה, פלעג איך זיך מאַכן נישט הערנדיק.

איינמאָל אין אַ שיינער לבנה־נאַכט, אָט ווי היינט, האָבן מיר ביידע, ווי גע־ווינלעך, שפּאַצירט זיך אַזוי אינטים געאָרעמט; טוט זי מיר אַזוי פּלוצלונג אַ זאָג:

— מייקעלסאָן, פאַרוואָס, צום טייוול, זיינט איר אַזאַ צוריקגעהאַלטענער, אַזאַ באַשיידענער און אַזאַ שעמעוודיקער?...

— איר ווייסט וואָס איך וואָלט איצט גאָר געוואָלט טאָן? — זאָגט זי צו מיר אַזוי דרייסט, און איך פיל ווי זי פרעסט איר ווייכן אָרעם צו מיינעם. — כ׳וואָלט געוואָלט מיט אייך צוזאַמען זיך אָנשיכורן און דורכלעבן אַ משוגענע טייוולשע נאַכט!...

איך האָב עקשנותדיק זיך ווידער אַמאָל געמאַכט תמעוואַטע אויף אירע אַנצוהערעניש... ווען אונדזער שפּאַציר־גאַנג האָט זיך אַביסל פאַרלאַנגזאַמט און כמעט ווי אָפּגעשטעלט ביים אַריינגאַנג פון אַ האָטעל, האָב איך זי אָפּגעצויגן פון אַריינגאַנג און אָנגעגעבן כלערליי תירוצים און דערקלערונגען:

ס'איז ניט שיין פאַר אונדז און פאַר לייטן. מענטשן, באַקאַנטע קענען נאָך אונדז דערזען דאָ. אייער מאַן וועט זיך דערוויסן, וועט ער זיין ברוגז און אין כעס, אָדער גאָר אַ סקאַנדאַל נאָך מאַכן. לאָמיר עס לאָזן, פאַניטשקע. ניט היינט יעדנ־פאַלס, אפשר אַן אַנדערש מאָל, ביי אַן אַנדער געלעגנהייט, אין אַן אַנדער פּלאַץ.

אַ ניט באַפרידיקטע, פאַרזשעמט אַביסל פון מיינע מסורדיקע רייד, האָט זי נאָכדעם שטיל אַרויסגעפּליסטערט:

— מייקעלסאָן, „יו אַר נאָ גוד ענד אַי עם נאָ גוד" (דו ביסט ניט גוט און איך בין ניט גוט).

נאָך אַ פּאָר אינצידענטלעך אַזעלכע זיינען אין דער צווישנצייט פאָרגעקומען און איך בין געווען דער, וואָס איך האָב זי און זיך צוריקגעהאַלטן. ניט געוואַגט צו מאַכן דעם שריט... — וואָס פאַר אַ פּרא־דם, וועט איר זאָגן, אַ טיפּוש! נו, זיכער. איצט, נאָך אַן אָפּגאַנג פון אַזוי פיל יאָרן, זאָג איך דאָס אויף זיך אַליין. אין דער אמתן, כ'קען נאָך עד־היום זיך נישט פאַרגעבן דעם „פאַרברעכן" קעגן מיינע ניט באַגאַנגענע „זינד" (חטאות נעורים).

מיינט איר אַוודאי, אַז איך האָב זי ניט ליב געהאַט? אָ! אָ! נאָך ווי אַזוי ליב געהאַט! ווען זי איז שפּעטער מיט אַן אַנדערן אויסגעפּאָרן פאַרברענגען, פלעגט ממש אויף מיר די הויט ציטערן און ברענען פון אייפערזוכט... מיין צערודערטע פאַנטאַזיע, אַז אין יענעם מאָמענט איז זי מסתמא אין די אָרעמס פון דעם מר. קעי, מיין נאָכפאָלגער קאָנקורענט, פלעגט דאָס מיר ניט איינמאָל ווילד מאַכן פון אויפרעגונג . . .

איך ווייס נישט וואָרום, אָבער כ'האָב באַין אופן ניט געקענט ביי זיך פועלן אַזאַ זאַך צו טאָן. איך האָב דאָס באַטראַכט פאַר ניט ערלעך, פאַר ניט מאָראַליש. וואָס הייסט, איך, דער נאָענטסטער, אינטימסטער פריינט פון איר מאַן, זאָל איך אים, מיין אייגענעם פריינט, פאַרראַטן! ווי אַזוי וועל איך אים דערנאָך גאָר קענען קוקן אין די אויגן? מיר פלעגט זיך דוכטן, ווען מילמאַן וועט, ווי זיין געוואוינהייט איז געווען, מיך פריינטלעך באַגעגענען מיט זיין האַרציק וואַרעמען ברוך־הבא, וואָלט איך בעסער וועלן, האָב איך דאַן געטראַכט, אַז די ערד זאָל זיך פאַר מיר אויפן אָרט עפענען און איך זאָל אין איר איינגעזונקען ווערן. אָט אַזאַ מין סאָרט מענטש ביז איך עס דאַן געווען!...

בקיצור, די אייפערזוכט האָט ווי אַ קאָשמאַר זיך אָנגעזעצט אויף מיר. כ'פלעג אַרומגיין ווי אין אַ דעלירינום און מיט אַ גרויס בענקשאַפט אין האַרצן. איך בין דאַן געבליבן אַליין ווי אַ נזיר, ווי אַ פּרוש, ווי אַ דורשטיקער וואָס איז געשטאַנען לעבן אַ פריש ברוינדיקן קוואַל און ניט געטרונקען...

ניט איינמאָל פלעג איך אַ טראַכט טאָן פון מיין איינזאַמען, עלנטן פריינט מילמאַן. איך און ער געפינען זיך אין דער זעלביקער טראַגישער לאַגע.ביידע האָבן מיר ליב די זעלביקע פרוי און פון דער תענוג'פולער ליבע געניסט אַן אַנדערער...

איך עלנט, איין בענקשאַפט, איין גרויסער פאַרדרוס האָט אונדז ביידן פאַר־

אייגנט — אַזוי האָב איך מיר משער געווען און געדענקט. אַ רחמנות צו אים און צו זיך, האָב איך זייער שטאַרק געפילט.

פלעג איך אין די אָוונטן אָפט אַריינקומען צו די מילמאַנס. ס׳רוב האָב איך פּאַניטשקען ניט געטראָפן.

איינמאָל האָב איך זיך צורעדט מיט מיין פריינט מילמאַן אינטים און נאָענט וועגן אָט־דעם ענין, וואָס האָט מיך אַזוי שטאַרק באַאומרואיקט. און לויט מיין העשרה האָט עס נאָך מער באַדאַרפט באַאומרואיקן מיין אומגליקלעכן פריינט מילמאַנען. איך האָב דעריבער מיט פאָרזיכט און טאַקט זיך געווענדעט צו אים, כאָטש כ׳האָב געפילט בשעת מיר ריידן, אַז די פאַרב אין מיין פּנים בייט זיך יעדע רגע.

— פריינט מילמאַן, איר וועט מיר מוחל זיין — האָב איך מיט ציטער אין קול אָנגעהויבן — פאַר מיין געוואַגטקייט און אָפּנהאַרציקייט, וואָס איך נעם מיר דאָס רעכט צו ריידן מכוח אַזאַ אינטימען ענין. נאָך אַלעמען זיינען מיר דאָך עפּעס אַלטע גוטע פריינט. ווי קומט עס וואָס איר דערלאָזט אייער פּאַניטשקען אַזוי פריי, אומגעשטערט פאַרברענגען מיט דעם מר. קעי? אַלע אייערע פריינט און באַקאַנטע וויסן און ריידן וועגן דעם, אַז צווישן זיי ביידן קומט עפּעס פאָר מער ווי פריינט־שאַפט בלויז... ווי איך זע איז עס פאַר אייך גאָר קיין איבערראַשונג ניט!... וואָס מיך וואונדערט אַמשטאַרקסטן. פריינט מילמאַן, וואָס איר וויזט אפילו ניט אַרויס קיין סימן פון אייפערזוכט... אָט פונקט ווי איר וואָלט אייער פּאַניטשקען גאָרניט ליב געהאַט, אָדער ווי אייך וואָלט עס גאָרניט באַרירט!...

וואָלט איך געוואוסט, אַז איר האָט זי נישט ליב, וואָלט איך מיר די רעטעניש ווי עס איז דערקלערט. ווייס איך אָבער, אַז איר האָט זי זייער ליב און טוט פאַר איר אומגעהויער פאַר אַ בלויזן שמייכל אירן צו אייך! און דאָ מערק איך גאָר אין אייך לעצטנס, עפּעס אַ מין אויפגעלעבטקייט און אפילו אַ צופרידנקייט. וואָלט איך נישט געוואוסט, אַז איר זענט אַ קלוגער און ערנסטער מענטש, וואָלט איך געהאַט וועגן אייך גאָרניט אַזאַ שמייכלענדיקע מיינונג. טראַכט איך דעריבער זייער אָפט וועגן אייך, פריינט מילמאַן; איך זע אייער רואיקייט און באַוואונדער אייך בנאמנות; איר זענט פאַר מיר אַן אומדערקלערלעכע רעטעניש!

אויף מילמאַנען האָבן מיינע רייד קיין שום רושם ניט געמאַכט. ער האָט שמייכלענדיק און גוט־ברודעריש אַרויפגעלייגט זיין דאַרע האַנט אויף מיין אַקסל און גוטמוטיק אַ זאָג געטאָן:

— מיך וואונדערט אויף אייך, פריינט מייקעלסאָן, איר זאָלט אַזוי דענקען אַז איך דאַרף זיין אייפערזיכטיק און אין כעס אויף מיין פרויס האַנדלונג? לאָמיר אייך דאָ זאָגן פריי און אָפן דעם ריינעם אמת, אַז איך בין דאָס ניט... פאַרקערט, כ׳בין איצט אַ סך מער צופרידענער ווי פריער. זינט פּאַניטשקע איז באַפריינדעט מיט דעם מר. קעי, איז זי גאָר אינגאַנצן אַן אַנדערע געוואָרן... מאָדנע ווי ס׳וועט צו אייך אפשר קלינגען, אָבער ערשט איצט האָב איך אָנגעהויבן צו וויסן דעם אמתן טעם און פאַרגעניגן פון צו האָבן אַ שיינע פרוי. קיינמאָל ווי איצט — האָט ער כמעט ווי מיט צופרידנקייט אויסגערופן — האָט זי מיך אַזוי שיין ביט באַהאַנדלט און אַרויסגעוויזן אַזוי פיל צערטלעכע איבערגעבנקייט. כ׳האָב דאָך תמיד, דעם גאַנצן לעבן מיינעם, געדאַרפט אויסבעטלען ביי איר אַביסל פריינד־

שאַפט און ליבע. איצט איז זי צו מיר אינגאַנצן אַן אַנדערע — אַזאַ גוטע, אַזאַ ליבלעכע, אַזאַ ליכטיקע און פייערלעכע...

נו, פרעג איך אייך, דאַרף איך אומצופרידן און כעס זיין אויף איר דערפאַר?.. ניין, מיין פריינט — האָט ער געמיטלעך ממשיך געווען — כ'האָב אַלע סיבות צו זיין גליקלעך און צופרידן... אין זכות פון איר גליק געניס איך אויך אַביסל גליק, צו וועלכן איך בין באַרעכטיקט...

צווישן אונדז ריידנדיק — פילאָזאָפירט ער מיט מיר ווייטער—ווייסן מיר דאָך, אַז דער אייפערזוכט־געפיל איז אַ קינד פון דעם אייגנטום געדאַנק; מחמת האָסט מורא, טאָמער נעמט מען אַוועק פון דיר דאָס וואָס ד ו באַטראַכסט ווי דיין א ײ ג נ ס. וואָס שייך מיר, בין איך פריי פון דעם געפיל, מחמת פערזענלעך האָב איך איצט מער געוואונען ווי פאַרלאָרן... זי, פאַניעטשקע, זאָל זיין אויס דאַנקבאַרקייט צו מיר, פאַר דער פרייהייט וואָס איך גיב איר, זי קומט אָבער צו מיר צוריק און ברענגט מיט זיך אַן אומבאַגרעניצטע פרייד און גליק, וואָס טראָגט זיך איבער צו מיר. אַ גליק און אַ פרייד, נאָך וועלכע כ'האָב אַ לעבן לאַנג געבענקט און געחלומט...

— אויסהערנדיק זיינע אָפנהאַרציקע רייד איז ער פאַר מיינע אויגן ריזיק אויסגעוואָקסן. איך האָב געזען פאַר זיך אַ מענטשן וואָס האָט רואיק און פילאָזאָפיש אַליין זיך פאַנאַנדערגעגלידערט, שלום געמאַכט מיט זיין גורל און באַהערשט אַ געפיל, וואָס וואָלט אַן אַנדערן אויף זיין אָרט זייער שטאַרק באַאומרואיקט און תמיד פאַרפאָלגט...

כ'האָב זיך דערפילט קליין און דערשלאָגן. מיין עלנטקייט, מיין בענקשאַפט און אייפערזוכט האָט מיך פונדעסטוועגן ניט אָפּגעלאָזט, איז נאָך מער פאַרשטאַרקט געוואָרן... אַ גרויס פאַרדרוס און חרטה אויף מיינע „ניט באַגאַנגענע זינד" האָט מיך נאָכדעם אינגאַנצן אַרומגענומען און פאַרשלונגען...

* * *

אַ שמייכלענדיקע, לויטערע לבנה האָט אַריינגעשיינט אין די פענצטער און כמעט ווי באַלויכטן דעם האַלב־טונקעלן קלוב־צימער. מיר האָבן זיך דערנאָך אַ הייב געטאָן פון אונדזערע זיץ־פלעצער און זיינען פאָרוויז אַוועק שפּאַצירן אין דערבייאיקן וועלדל...


• אויפמערקזאַם!

ס'איז נאָך פאַרבליבן אַ באַשרענקטע צאָל עקזעמפּלאַרן פון י. פרידלאַנד'ס נייעם בוך נאָוועלן: „אין טעג פון געראַנגל." איר קענט זיך ווענדן דירעקט צום מחבר אויף דעם אַדרעס פון דער רעדאַקציע:

I. FRIEDLAND

4375 SUNSET DRIVE • LOS ANGELES 27, CALIF.

יעקב שמואל טויבעס

## ביים ים־ברעג, סאַנטאַ מאָניקאַ

ביים ים־ברעג, אין דער בוכטע,
אַ שיפל שטייט און צאַפּלט;
אַ כוואַליע דרייט זיך אַרום אים
און בולקעט, בולבעט, פּלאַפּלט...

ווייבאַלד זי קומט צו נענטער,
פאַרנעמט זיך אין אַ זייט ער;
שיילט זיך די כוואַליע אָפּ פון אים,
גליטשט זיך אַוועק וואָס ווייטער...

נאָר תיכף — אַ פאַרבענקטע —
מיט נייגן און זיך בייגן
דרייט זי קאָקעטיש זיך צוריק
אויף ווייכע וואַסערוועגן...

זי פליעסקעט, פּיעשטשעט, גלעט אים,
זי וויל זיך גאַנץ פאַרשענקען;
טוט ער זיך שטיפעריש אַ הייב,
די כוואַליע אָפּצושווענקען...

איצט פּרואווט זי, שוים־צעשויבערט,
מיט גוואַלד אים צו פאַרגיסן,
צעוויגט זיך גלוסטנדיק און בלייבט
פאַרעקשנט אים צופוסן...

עס וויל קיין סוף ניט נעמען
דאָס הודיען און זיך הוידען;
אין נאַכט, טיף־שוואַרצער, הערט מען זיי
נאָך שושקען און זיך סודען...

ביים ים־ברעג, אין דער בוכטע,
אַ שיפל שטייט און צאַפּלט;
אַ כוואַליע דרייט זיך אַרום אים
און בולקעט, בולבעט, פּלאַפּלט...

## יחזקאל בראָנשטיין

# „אַליין מיט זיך" פון אליהו רייזמאַן

דער עצם באַגריף פון זיין מיט זיך אַליין אין דעם לעבן פון אַ פּאָעט, איז באַלד מרמז אויף דער לירישער אַנטפּלעקונג פון אַ שעפערישער פּערזענלעכקייט, אין שייכות מיט זיינע עטיש־עסטעטישע קינסטלערישע אנשויאונגען און אויך ז י י ן אופן פון אויסדרוק, וואָס זיינען במילא גילטיק און כאַראַקטעריסטיש פאַר יעדן יחיד, כאָטש אין גרונט גענומען רעדט, צי זינגט דער דיכטער פון זיך גופא, אין זיין אייגענעם נאָמען.

און טאַקע דערפאַר וואָס זיין זינגען וועגן זיך גופא איז אָפט כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם כלל, וואָס שטעלט מיט זיך פאַר די פּאַראַלגעמיינערונג פון דעם פרט, דעם יחיד — נעמען מיר אים אָן ווי אַ ליריקער, וואָס שפּיגלט אָפּ און ער איז כולל אין זיין דיכטונג דאָס עמאָציאָנעלע לעבן פון יחיד בכלל, וואָס אידענטיפי־צירט זיך מיט די שטימונגען, אנשויאונגען, פרייד און לייד פון דעם דיכטער וואָס איז אַ ליריקער.

**אַליין מיט זיך** איז דעריבער אַ טרעפלעכער נאָמען פאַר דעם לידער־בוך פון דעם לירישן פּאָעט אליהו רייזמאַן, אין וועלכן זיין ליריק שלאָגט אָן דעם טאָן פון עכטקייט אין זיינע קאַלירפולע, אָפט פיינלעכע — איבערלעבונגען, וואָס זיינען אייגן יעדן יחיד, וואָס נעמט אויף דאָס לעבן מיט אָפענע אויגן און געפינט פאַר דעם אַן אויסדרוק אין דעם אויפזינג פון דעם פּאָעט, וואָס זינגט וועגן אַ שטערן, למשל, אַזוי:

אין שטילקייט פון נאַכט אָטעמט טיפער דאָס האַרץ פון דער וועלט
מיט ליבע צו אַלץ, וואָס באַשאַפן זי האָט און דערצויגן.
נאָר מאַכט זיך אַ טאָג, וואָס איר ענגשאַפט דעם וועג מיר פאַרשטעלט,
איך שלייך זיך אַרום, ווי אַ בלינדער, מיט אָפענע אויגן...

אין אָט דעם לירישן אויפזינג, באַקומט זיך אַ קלאָר סינטעטיש בילד פון וועלט און מענטש, אין דער איבערלעבונג פון אַ לירישן פּאָעט, וואָס שפּיגלט אָפּ די יצירה אין דער מענטאַליטעט פון פרט אין אַלגעמיין, וואָס איז אַ כאַראַקטעריס־טישע אייגנשאַפט פון דער ליריק.

אין זיין טראַגישער באַציאונג צו דעם לעבן, וואָס איז קאָנטיק דער גורם פון זיין שעפערישקייט, באַקלאָגט זיך אליהו רייזמאַן, אַז —

אַ נאַכט אַזוי שוואַרץ און געדיכט
באַדעקט האָט מיין זיין אויף דער ערד.
דער אָפּגלאַנץ פון אמתן ליכט —
מיין אויג נישט געווען איז באַשערט.

און דווקא צוליב דעם, וואָס אים איז ניט באַשערט געווען דער אָפּגלאַנץ פון אמתן ליכט, מערט זיך זיין קלוג־זיין אין די נאָכפּאָלגנדיקע לידער זיינע אויף אוניווערסאַלע טעמעס, אין אַ פאָרם און אַ לשון, וואָס נויטיקט זיך נישט אין קיין פירושים און פירט אים גלייכצייטיק אַרויס צו דעם פאָדערגרונט פון דעם שעפע־

רישן לייענערס אויפמערקזאַמקייט, וועמען עס קומט ניט־אָן שווער מיט אים זיך מתדבק צו זיין, אַ דאַנק דעם אוממיטלבאַרן אויפזינג פון זיין דיכטונג, אין דעם אויסלייג פון קלאָרקייט, אָן דעם אָנוועגד פון מליצה און אָן דער פּרעטענזיע אויף מאָדערניזם.

אַ דאַנק דער נאַטירלעכער חכמה וואָס אליהו רייזמאַן האָט אַריינגעוועבט אין זיינע פּאַרהעלטניסמעסיק קליינע לידער אין קליינע צאָלן, האָט ער באַוויזן דעם וואונדער פון באַזינגען זיי מיט אַ באמת גרויסן אינהאַלט פון גרויס־קינסט־לערישע ווערטן.

ווי אַ כאַראַקטעריסטישע אילוסטראַציע איז געגוג זיך איינצולעבן אין זיין ליד, דאָס ליד, וואָס הויבט זיך אָן און ענדדיקט זיך גלייכצייטיק אויך אַזוי:

קאַלירפּול און שיין איז דאָס ליד,<br>
באַהויכט מיט דעם אָטעם פון לעבן;<br>
דאָס ליד, וואָס אין האַרץ און אין בלוט,<br>
זיך וועבט פון די דיעסטע געוועבן.

דער תוכן פון אָט־דעם ליד, אָן דער ווידערהאָלונג פון די ערשט־ציטירטע פיר פערזן — אין צוועלף שורות, איז אַזוי קאַלירפּול און רייך, אַז דו גאַפסט פּשוט פון זיין עשירות אין צימצום, וואָס איז אַגב גילטיק פאַר אַלע זיינע לידער אָן אויסנאַם, ווי זיין ליד **מעת־לעתן**, וואָס פיבערט מיט דעם פּאַטאָס פון אַ בעל־חלומות, וואָס יעדער פּאָעט איז — וואָס וויטיקט אויף דער מערכה פון נישט־קענען צוריק אַרויסבאַקומען זיינע יונגסטע מעת־לעתן, וואָס זיינען אין צייט־לויף פאַרשוואונדן. דער דיכטער זינגט דאָ טיילוויז, אַזוי:

מיט צויבערפאַרבן האָט איר מיין חלום אָנגעצונדן,<br>
דער חלום איז פאַרבליבן, די שיינקייט איז פאַרשוואונדן...<br>
אַ שווינדל־ראָד, די צייט, זיך אויף מינוטן האָט צעביטן,<br>
און איך — אַן אָפּגעגאַרטער — געבליבן בין אינמיטן.

ווי אַ נוגע בדבר, אין שייכות מיט אונדזער גרויסן חורבן — האָט אליהו רייזמאַן ניט אַנדערש ווי געמוזט רעאַגירן אויף אָט דער פינצטערסטער תקופה אין אונדזער לעבן, ווי אַ פאָלק און ווי יחידים.

ווי אַ דיכטער וואָס טראַכט בלויז אין די טערמינען פון איכות און ניט פון כמות, איז אים אויך דאָ בייגעשטאַנען זיין נאַטירלעכע קלוגשאַפט, וואָס האָט אין זיין דיכטונג געקראָגן אַ וויטערדיקן תיקון אין אַ קליינער צאָל קורצע, אָבער זייער פּאַטעטישע און אינהאַלטסרייכע לידער.

אין זיין ליד **אויף אַלע מיינע וועגן**, זינגט ער טיילוויז אַזוי:

ס'איז עמעץ היינט אַנטקעגן מיר געקומען,<br>
ווי דו אַזאַ, איך האָב אין אים דערקענט,<br>
און אויסשרייען געוואָלט האָב איך דיין נאָמען,<br>
נאָר דערמאָנט זיך, אַז דו ביסט פאַרברענט.

וואָס דאָס אַליין איז שוין גענוג אין דיר אַרויסצערופן דעם צאָרן און די טראַגיק פו דער היטלער־תקופה מיט אַלע אירע גרוילן.

און אין זיין פּאָעמע **אין פלאַנטער פון חלום און וואָר**, זינגט ער אַזוי:

דער טויט איז דעם לעבן באַפאַלן,
ער טראָגט זיך אויף יעדערן וועג,
אַ מאַמע אַנטלויפט, און זי פאַלט —
ווי אַ בוים, אונטער ציין פון דער זעג.

וויפיל וויטיק און צער עס פיבערט דאָ אַרויס פון דער איין־און־איינציקער סטאַנזע! און ווייטער:—

עס שוידערט אַרויס דער פאַרטאָג —
אַ קינד — אַ פאַרביגלטע קנויל,
און „מאַמע", וואָס ר'האָט ניט דערזאָגט,
מיט בלוט טריפט אַראָפּ פון זיין מויל.

זיין לעצט נישט־דערשריגן געשריי,
אויפגעכאַפּט אויפן פעלד האָט דער ווינט —
דיין וואונד, וואָס אים טוט שוין ניט וויי,
זיין נאָמען געהייליקטער — ק י נ ד.

אין פלאָנטער פון חלום און וואָר,
איך זע אים נאַכט־איין און נאַכט־אויס,
אַרום דיינע קאַרגע זעקס יאָר,
ער וואַקסט צ'ריק פון קבר אַרויס.

וואָס קען שוין זיין טראַגישער דערפון!
קיין פירוש אויף דעם איז אַבסאָלוט נישט נויטיק.

אינטערעסאַנט אָבער איז צו באַמערקן, די מיטלען מיט וועלכע דער דיכטער באַניצט זיך דאָ, אויסצודריקן זיין צער. די פאָרם — אַ קלאַסישע, וואָס איז קיינמאָל נישט פאַרעלטערט. זיין לשון — פאָלקסטימלעך, אין דעם גאַרן אויס־לייג פון אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט.

מיט אַ געפיל פון פרייד און פאַרערונג, ווילט זיך מיר צום סוף באַטאָנען, אַז דער דיכטער אליהו רייזמאַן איז פונדעסטוועגן נישט פאַרצווייפלט צוליב זיינע צערפולע, אינטימע איבערלעבונגען. זיין ליד **אין מיטן לעבן** קען אונדז דאָ דינען ווי אַן אָנזאָג, אַז —

מיט יונגען גרין פון מיינעטוועגן ביימער רוישן,
און שלאַנק ווי פריער רויטלט זיך דאָס קאָרן־בלימל,
עס איז מיין זון פון גלויבן נאָך נישט אויסגעלאָשן
און נישט צו דער ערד געפאַלן איז נאָך דער הימל.

וואָס מעג אונדז דינען ווי אַן אַדערויף אויף נאָכקומענדיקע, מער מונטערע לידער פון דעם מחבר — דער טאַלאַנטפולער פּאָעט אליהו רייזמאַן.

---

## שיקט אַריין אייער אבאנענטן אָפּצאָל

טוט נאָך דעם שיינעם ביישפּיל פון אַ גרויסער צאָל פון אונדזערע לייענער.

---

נח גאָלדבערג

# דור המדבר

(פראַגמענט פון דער נאָוועלע „ווילד גראָז“)

אַ פּאָר יאָר איז דאָס לעבן אין לאַגער געפלאָסן אַזוי רואיק ווי אַ שטילער טייך. אָבער דערנאָך זיינען ניט נאָר צוגעקומען נייע מענטשן, נאָר אפילו עטלעכע גאַסן־פּרויען פון „לאַ־באָקאַס“, וואָס האָבן זיך מיט ווילדן אַרגענטינישן ברען אין די בלוטן איבערגעגעבן צו די יונגע „הונגעריקע“ מענער און אין טאָל האָט מען אָפט געקאָנט זען אָפּדרוקן אויפן ווילדן גראָז, וואָס האָבן עדות געזאָגט, אַז ערשט ניט לאַנג צוריק האָבן זיך דאָ געוואַלגערט צוויי מענטשלעכע גופים.

די יונגסטע און די שענסטע פון די גאַסן־פרויען האָט געהייסן עמאַליטאַ. דאָס איז געווען אַן איין־און־צוואַנציק יעריקע מיידל, אַ שלאַנקע, אַ מיטלוואוקסיקע, מיט אַן אָליוו קאָלירטן, שוואַרצחנוודיקן פּנים, מיט ברייטלעכע היפּטן און אַרויסגעשטאַרטשטע קליינע בריסטלעך פון דער ציצענער קאַפּטקע. אירע שוואַרצע, גלאַנציקע האָר זיינען געווען פאַרפלאָכטן אין צוויי לאַנגע צעפּ, וואָס זי האָט אַרומגעוויקלט אַרום איר שמאָלן קאָפּ, ווי מיט צוויי שלאַנגען. עמאַליטאַס פלאַמיקע קוקערס האָבן גלייך דערשנאַפּט דעם הויכן און געזונטן כוליטאָן, וועלכער איז נאָך קיינמאָל ניט געווען אינטים מיט קיין פרוי.

מיט אַ ברויזיקן געזאַנג אין אַלע אירע אברים איז זי אַ וויגנדיקע אויף די ברייטלעכע היפּטן צוגעגאַנגען צו אים, ממזריש אַריינגעקוקט אין זיינע קאַרע אויגן און אָן שום חרפּה געפרעגט:

— איך בין דיר געפעלן? ווילסט מיך האָבן?...

אין דעם דריי־און־צוואַנציק יעריקן יונג האָבן די בלוטן זיך צעברויזט. ס'האָט אים אַ מאָדנעם צי געגעבן צו אַט־דער מויד. האָט ער זי אַ הויב געטאָן אויף די הענט, אַוועקגעטראָגן אַזש אינם צווייטן טאָל. דאָרטן האָט ער איר אַוועקגעלייגט אויף דער ערד און באַמערקט ווי אויף אַ צוויגל פון אַ דערבייאיקער בוימעלע איז איין פייגעלע צוגעשפּרונגען צו דער אַנדערער, אַ שטיקל צייט געקושט זיך אין די פּיסקעלעך און דערנאָך פאַרגאַנגען זיך אין אַ פלייטיקן טרילן. און כוליטאָ, דער אָנפירער פון דער גאַנצער חברה פּעאָנען, האָט איינס און צוויי פאַרלוירן דעם באַגריף וואו עס האָט זיך אָנגעהויבן די ווירקלעכקייט און וואו עס האָט זיך אויסגעלאָזט דער חלום. דער סטעפּ, דער טאָל, די בערג און אפילו די פערד מיט די בהמות, וואָס האָבן זיך געפּאַשעט ניט ווייט פון דאַנען — אַלץ האָט זיך מיטאַמאָל אויסגעמישט און צעבויפגעפלאָכטן געוואָרן אין איין סימפאָניע — לעבן! . . .

ער איז נאָך אַלץ געלעגן נעבן איר, ניט געקאָנט געגוי אָפּכאַפּן דעם אָטעם און טאַקע ניט געוואוסט פון וואָס אָנצוהייבן ריידן. דעריבער האָט ער אָפּגעריסן אַ גרעזל, דאָס גענומען אין מויל און דערפילט דער טערפּקן זאַפּט דערפון. האָט ער דאָס גרעזל אויסגעשפּיגן און בלויז געהערט ווי עמאַליטאַ האָט אים כמעט אַריינגעשושקעט אין אויער:

— אַ דאַנק פאַר דער ליבע . .

פון דעם טאָג אָן איז עמאַליטאַ געוואָרן כוליטאָס געליבטע. אַן קיינע

צער׳עמאָניעס האָט ער איר אַריינגענומען צו זיך אין ביידל. פון היי האָט ער געמאַכט אַ ברייטן און אַ ווייכן געלעגער, וואָס זאָל זיין גענוג פאַרביידן און ביי די היגע פעאָנען איז אויפגעגאַנגען אַ וואַקכאַנאַלעדיק לעבן אין זייערע וואָכעדיקע טעג. צוליב דער עלגנהייט האָט די גאַנצע חברה געטרונקען אַ סך ווין און און געוואונטשן, אַז כּוליטאָ מיט עמאַליטאַן זאָלן האָבן אַ גליקלעכן צוזאַמענלעבן.

אָבער עמאַליטאַ איז ניט געווען פון די שטילע נאַטורן. אמת, אַביסל מער צוריקגעצויגן און צוריקגעהאַלטן ווי די אַנדערע פרויען אין „לאַגער“. ביז איר צוזאַמענקומען זיך מיט כּוליטאָן, ווינציק וואָס אָפּגעגעבן זיך צו דער תאווה אַליין. כאָטש צו דרייצן יאָר, ווען זי איז געוואָרן „רייף“, האָט איר נאָך דאַמאָלסט געצויגן צו אַ מאַן, וואָס זאָל זי אַריינבעמען אין זיינע געזונטע הענט. פונדעסטוועגן האָט זי אפילו דאַמאָלסט פאַרשטאַנען, אַז אַ מיידל דאַרף די דאָזיקע באַגערן פאַר־באַהאַלטן ביי זיך אין האַרצן און ניט אַרויסווייזן דאָס אין דער עפנטלעכקייט.

מעגלעך אַז עמאַליטאַ וואָלט נאָך ביז אין די שפּעטערע יאָרן געבליבן אַ בתולה און קומען צו איר חתן אַ גאַנצע ווי אַ ריבן. האָט זיך אָבער גראָדע געמאַכט, אַז איר טאַטע מיט דער מאַמען און אויך אירע אַנדערע שוועסטער מיט די פאַר ברידער זיינען אָנגעקומען אַרבעטן צום נייעם גוטבאַזיצער, סעניאָר כאָזע סאַנטיאַגאָ, אין דער „האַזיענדאַ“ (גוט), וואָס האָט זיך געפונען אַרום זעכצן קילאָמעטער פון דער גרויסער שטאָט ענטרע־ריאָס.

ביים איבערקלייבן זיך אַהער האָט דאָס מיידל געהאָפט, אַז דאָ, אויף דער פעטער ערד פון ענטרע ריאָס וועט די משפחה האָבן וואָס צו עסן צו דער זעט און, אפשר וועט דאָ איר טאַטע מיט דער מאַמען פאַרדינען אַזויפיל פּעזאָס, אַז זיי וועלן זיין בכוח צו קויפן איר אַ קליידל אויפן לייב און אַ פּאָר שיך אויף די פיס כדי זי זאָל מער ניט דאַרפן אַרומגיין קיין באָרוועסע.

אָבער ווען זי איז אָנגעקומען אין דער נייער „האַזיענדאַ“ און מען האָט די גאַנצע פאַמיליע אַריינגעקוועטשט אין אַ קליינעם בלעכערנעם געצעלט, וואָס האָט ניט געהאַט קיין פענצטער און קיין ברעטלדיקן דיל, האָט דאָס מיידל גלייך איינגעזען, אַז איר חלום צו האָבן אַ ניי קליידל מיט אַ פּאָר שיך וועט ניט פאַר־ווירקלעכט ווערן, אַז זי איז ניט מער ווי איינע פון די טויזנטער און טויזנטער אַנדערע פּעאָנישע קינדער, וואָס אַרבעטן צוזאַמען מיט זייערע עלטערן אויף די פעלדער, ביי די פריצים אין די שפּייכלערס, פון זון אויפגאַנג ביז זון אונטערגאַנג און ווערן פאַרוועלקט יונגערהייט.

עמאַליטאַ איז פאַרט געווען אַביסל אַנדערש פון אַנדערע פּעאָנישע מיידלעך. ערשטנס איז זי געווען שיין, קליגער און געוואַקסן ווי אַ ווילדע בלום אין סטעפּ. איר גאַנצע געשטאַלט, אירע היפטן האָבן זיך גיך אויסגעפילט, אַז ביים גיין האָט זיך איר הינטער־חלק באַוועגט אַרויף און אַ ראָפּ, ווי זי וואָלט ניט געטראָטן אויף דער האַרטער ערד, נאָר אויף דינע ספּרוזשינעס. פון הינטער איר ווייס בלוזקעלע האָבן אַרויסגעשטאַרצט די שפּיציקע נאַפּלען, וואָס האָבן חוצפּהדיק געשטאָכן אַלע מענער אין די אויגן. דערצו האָבן אירע שוואַרצע, פלאַמיקע אויגן שטענדיק געשמייכלט און די צוויי גראָבע צעפּ זיינען אַרונטערגעפאַלן און דער־גרייכט ביז צו איר זינגעוודיקער טאַליע.

זי האָט זיך אויף קיין מאַנספּאַרשוין קיינמאָל ניט אומגעקוקט. דאָך האָט זי אינסטינקטיוו געוואוסט און אפילו געפילט, אַז יעדער מאַן האָט זי „געגעסן“ מיט

די בליקן. גראַדע דאָס האָט זי געוואָלט. טיף אין איר איז געלעגן אַ פאַרבאַהאַל־טענע רציחה, וואָס האָט איר אונטערגעזאָגט, אַז זי דאַרף זיך אָפּרעכענען מיט דער אַכזריותדיקער וועלט. אָט־די רציחה האָט געברויזט אין די בלוטן, אין האַרצן. אָבער אויפן פּנימל האָט זי אַרויפגעצויגן אַ שמייכלענדיקע מאַסקע און סיי מיט דער מאַסקע און סיי מיט איר וויגענדיקן קערפּער האָט זי געוואָלט רייצן און אויפרייצן יעדן יונגעמאַן, וואָס איז איר געקומען אַנטקעגן. די שפּיל האָט דאָס מיידל געוואָלט דערשפּילן צו אַזאַ מדרגה, אַז ביי די מענער זאָלן די יוכעס פּלאַצן. דאָס איז געווען איר איינציקער כלי־זיין וואָס זי האָט פאַרמאָגט אין קאַמף פאַר אַ בעסערער וועלט...

אין איינעם אַ טאָג, ווען זי איז איינע אַליין געגאַנגען אין פעלד צו דער אַרבעט, האָט איר אין הויף באַגעגנט דעם פריץ'ס איין־און־צוואַנציק יעריקער זון, כאַזע דע סאַנטיאַגאָ, און אָן קיין שום פאַרמאַליטעטן באַפוילן, אַז זי זאָל אַריינגיין מיט אים צו זיינע עלטערן אין פּאַלאַץ צו פאַרבעטן זיין בעט, ווייל די דינסט — האָט ער איר אָנגעגעבן אַ תירוץ — איז היינט אַוועקגעפאָרן אין שטאָט עפּעס צו קויפן...

די כיטרע עמאַליטאַ האָט גראַדע פאַרשטאַנען, אַז דער תירוץ איז אַ פוילער, אַז אין דער אמתן איז גאָר דער יונגער סעניאָר אויסן געווען עפּעס אַנדערש. אָבער אין דער זעלביקער צייט האָט זיך ביי איר אין מוח געבאַמבלט אַ געדאַנק: „פאַרט אַ רייכער סעניאָר!... ער וועט זי גוט באַלוינען, געוויס געבן אַ סך געלט, אַז זי וועט מער ניט דאַרפן גיין אין פעלד צו דער אַרבעט און האָבן מיט וואָס צו קויפן זיך אַ קליידל מיט אַ פּאָר שיך.“ פון דער טראַכטעניש האָט זי זיך געלאָזט אָפּנאַרן און אַ געהאָרכזאַמע נאָכגעגאַנגען זיינע טריט.

ביי אים, אין דעם האַלב־טונקעלן און רייך־מעבלירטן שלאָפצימער, איז גראַדע זיין ברייטע בעט געשטאַנען אַ פאַרבעטע, אָן איבערגעצויגענע מיט אַ ראָזעווער קאָלדרע און מיט פוכענע אויפגעשטעלטע קישנס צוקאָפּנס; אויף די ווענט זיינען געהאַנגען צוויי גרויסע פאַרטרעטן פון יונגע פּריצישע סעניאָריטאַס מיט שוואַרצע געשטריקטע שאַלן אויף די אַנטבלויזטע אַקסלען און הויכע „קוקסעס“ אויף די עלעגאַנטע קעפּ. די טירן זיינען געווען פּאַליטירטע; דער דעמבענער אַלמער מיטן קאַמאָד האָבן געבלאַנקט. דער הילצערנער דיל איז געווען באַדעקט מיט רויטע פּערזישע טעפּיכער, וואָס האָבן געהאַט אויף זיך פאַרשיידנאַרטיקע אוזאָרן.

אַזוינע מעבל און אַזאַ רייכקייט האָט עמאַליטאַ קיינמאָל ניט געזען. דעריבער האָט זי זיך געוואָלט איינקוקן אין יעדער זאַך, וואָס האָט זיך געפונען דאָ אין שלאָפצימער. נאָר אויך דאָס איז איר ניט געווען באַשערט, מחמת דער יונגער פריץ האָט איר פּלוצים אַ הויב געגעבן און אַריינגעוואָרפן צו זיך אין בעט. פון שרעק האָט דאָס קינד מורא געהאַט צו ווערן זיך אַנטקעגן אים. זי האָט אפילו ניט געקענט אַ געשריי טאָן „מאַמע!“... נאָכדעם האָט איר דער „איידעלער קאַוואַליער“ אַריינגעשטופּט איין פּעזאָ אין בוזים, אַרויסגעטריבן פון פּאַלאַץ און דערביי שטרענג אָנגעזאָגט, אַז דאָס מיידל זאָל ניט וואַגן צו דערציילן עמיצן פון דעם וואָס ס'איז געשען.

אירע אויגן זיינען דאַמאָלסט פאַרלאָפן געוואָרן פון טרערן. זי האָט געוואָלט שרייען, וויינען, איז אָבער איר קול פאַרשטיקט געוואָרן אין האַלדז. אַ צווייטיק־

דיקע האָט זי זיך דערפילט שמוציק און זינדיק. די בלוטן אין איר קערפּער האָבן זיך צעזאָדן און, גייענדיק דורכן גרויסן הויף צוריק צו זיך אין דער בלעכערנער בודקע, האָט זי פון בוזים אַרויסגעשלעפּט די פּאַפּירענע אַסיגנאַציע, דאָס צעריסן אויף פּיץ־פּיצלעך און צעטראָטן מיט די באָרוועסע פיס. אונטער אירע פיס האָט די נאַקעטע ערד ווי געברענט און עמאַליטאַ האָט געטראַכט: „ווען זי קאָן אַריינפּאָרן מיט אירע שאַרפע נעגל דעם יונגן סעניאָר אין פּנים, וואָלט זי פון דאָרטן אַרויסגעריסן זיינע קאַלטע, גזלנישע אויגן.

ווען זי וואָלט געהאַט וואוהין און צו וועמען, וואָלט זי שוין פון לאַנג אַנטלאָפן פון דאַנען. אָבער זי איז נאָך פאָרט געווען ניט מער ווי אַ קינד. האָט זי די שאַנדע מיט דער טיפער באַליידיקונג באַהאַלטן ביי זיך אין האַרצן און געשעמט זיך דאָס צו דערציילן איר מאַמען, צי דעם טאַטן. נאָר איינמאָל, ווען עמאַליטאַ איז שוין אַלט געוואָרן אַרום ניינצן יאָר, האָט זי דערזען ווי דער יונגער כאָזע איז געגאַנגען שפּאַצירן מיט זיין פּריצישער כלה, האָט זי פון כעס אַ כאַפּ געטאָן אַ היפּשן שטיין, דאָס אַשליידער געטאָן אין דער לופטן און אים געטראָפן אין קאָפּ. פונם פּלוצימדיקן זעץ איז כאָזע אַוועקגעפאַלן און אויף דער ערד אַ צעבלוטיקטער און אָנגעהויבן שרייען: „גוואַלד! ראַטעוועט!" און זיין פאַרפּוצטע כלה איז געבליבן שטיין לעבן איר געפאַלענעם חתן ווי אַ פאַראַליזירטע און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן.

דאַמאָלסט איז עמאַליטאַ אַהיים מער ניט געגאַנגען. אָנשטאָט דעם, האָט זי זיך גאָר געלאָזט לויפן אַלץ נאָענטער און נאָענטער צו דער גרויסער שטאָט ענטרע ריאָס. אַ פּאָר טעג האָט זי זיך אַרומגעבלאָנקעט אַ הונגעריקע איבער די היגע ברייטע, געפלאַסטערטע גאַסן. אינם שטאָטישן קאָך וואָלט זי זיכער אויסגעגאַנגען פון הונגער. נאָר צום „גליק" האָט זי זיך אין איינעם אַ בולוואַר באַקאַנט מיט נאָך עטלעכע מיידלעך, וואָס האָבן, אַפּנים צוליב נויט, פאַרקויפט זייערע יונגע קערפּערס פאַר אַ פּעזע, פאַר 50 סענטאַוואָס און אַמאָל ניט מער ווי פאַר 25. טאַקע פון אָט־די גאַסן־פרויען האָט זי זיך דערוואוסט, אַז ערגעץ ווייט, אין דעם פּאַטאַגאָנישן סטעפּ, געפינט זיך אַ יונגע חברה אַנטלאָפענע פּעאָנען, וואָס באַפאַלן רייכע קאַראַוואַנען, האַזיענדאַס, און דעם צוגעראַבטן האָב און גוטס האַלטן זיי ניט בלויז פאַר זיך אַליין, נאָר זיי צעטיילן דאָס צווישן די אָרעמע פּעאָנען. דער „סלוך" האָט אימפּאָנירט די עטלעכע גאַסן־פרויען. האָבן זיי אַוועקגעוואַנדערט אין סטעפּ און קוים מיט צרות געפונען כוליטאָ׳ס באַהאַלטענעם „לאַגער".

דער טראָפּישער קלימאַט אין די פּאַטאַגאָניער טאָלן האָט זיך זייער שאַרף אָנגעזען אויף אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן, וואָס האָבן פון זיך אַליין, ווי עפּעס דורך אַ כישוף, אויסגעפאָלגט אַלע געהיימע באַפעלן פון דער הייסער נאַטור און זיי געטריבן צו באַהעפטן און פרוכפּערן זיך.

אויף די הייסע סקאַלעס פון די בערג האָבן געניסטלט בלויע און שוואַרץ באַפעדערטע אָדלערס, מיט דאַרע, אַרויסגעשטאַרצטע קלוכעס און נאַקעטע, ראָזעווע העלדזער, מיט אַביסל פאַרקרומטע, אָבער שאַרפע שנאָבלען. אמת, זיי זיינען געווען רוצחים און געלעבט איינזאַמע לעבנס. די אָדלערס זיינען דורך די טעג געווען אויף דער וואַך, כסדר געטשאַטעוועט אויף אַ שעפּס, אויף אַ קעלבל און איבערהויפּט — אויף גיפטיקע שלאַנגען, וואָס פלעגן אָפט אַרויספּויזען פון צווישן די הורבעס שטיינער. אַז אַן אָדלער האָט באַמערקט ווי אַ שלאַנג האָט

בלויז אַרויסגעשטעקט זיין אויפגעהויבענעם קאָפּ פון אַ נאָרע, האָט ער זיך ווי אַ בליץ פון הימל אַראָפּגעלאָזט, מיטן שוואַרצן שנאָבל אַ כאַפּ געגעבן דעם שלאַנג׳ס קאָפּ צו זיך אין פּיסק. מיט זיינע מעכטיקע נעגל איינגעקלאַמערט דעם שלאַנג׳ס צאַפּלדיקן גוף און געלאָזט זיך שוועבן צוריק צו דער סקאַלע. אַ שטיקל צייט האָט זיך דער שלאַנג געוואָרפן, געווערט אַנטקעגן זיין ביטערן שונא. אָבער באַלד איז ער געבליבן הענגען אין דער לופטן, ווי אַ גראָבער, אויסגעצויגענער, דיקער שטריק.

אויף די בערג, אין די טיפע היילן, האָבן זיך אויפגעהאַלטן די געל־געפלעקטע קאַיאָטעס. אויך זיי האָבן געלעבט אין איינזאַמקייט. די קאַיאָטעס האָבן זיך בלויז צונויפגענומען אין זייער פּאָרונגס צייט. געוויינטלעך איז דער „ער" געווען אַ גרויסער פוילער און געשלאָפן גאַנצע טעג. נאָר ווען די „זי" האָט זיך אַרויפּגעדראַפּעט אויפן העכסטן שפּיץ פונם באַרג און מיט איר דינעם, צעצויגענעם קול אָנגעהויבן רופן צו זיך דעם זכר, האָט ער זיך פּאַמעלעך אַרויסגעשאַרט פון זיין נאָרע און מיט אַ ווילדער געשפּאַנטקייט אַפריער אָפּגעענטפערט דער זי און דערנאָך ערשט געלאָזט זיך לויפן צו זיין „כלה", וואָס האָט אַ ציטערנדיקע געוואַרט אויף אים אויף גאָר אַן אַנדער באַרג.

אָבער דורך די אַנדערע חדשים פון יאָר זיינען אַלע קאַיאָטעס פון אַלע בערג אַרויס פון זייערע באַהעלטענישן, נאָך אַ גאַנצן טאָג שלאָפן. אין דער זעלביקער צייט פאַרריסן די מאָרדעס צו דער אויפגייענדיקער לבנה און איינציקווייז געבילט מיט לאַנגע געוואָיען. דאָס וואָיען האָט זיך איבערגעחזרט לענג־אויס דעם גאַנצן סטעפּ. דאָס האָט געוויינטלעך אָנגעהאַלטן ביז אויפן הימל האָט זיך באַוויזן דער מאָרגנשטערן. ערשט דאַמאָלסט זיינען זיי צוריק פאַרשוואונדן צו זיך אין די נאָרעס און אַוועקגעלייגט זיך שלאָפן.

די ברוינע טיגערן מיט די קיילעכדיקע ווייסע פלעקן אויפן קערפּער און מיטן בלויען פייער אין זייערע גרינע אויגן, זיינען אָפט געשטאַנען אויף די שטיינער־ברעגן מיט וואַכע אויערן און אָנגעשטעלטע אברים, און געהיט יעדע באַוועגונג אינם ווילדן גראָז. אַזוי גיך ווי אַ טיגער האָט באַמערקט, אַז פונם דזשאָנגל האָט פאַרבלאָנדזעט אַ זעברע, איז ער מיט דער פלינקייט פון אַ בליץ אַראָפּגעשפּרונגען פון שטיין, אַרויפגעכאַפּט זיך צום קרבן אויף דער שפּינע און מיט זיינע שאַרפע, גרויסע און מעכטיקע ציין איבערגעביסן דער זעברע דעם האַלדז.

אויך ביי די פּעאָנען מיט די אינדיאַנער איז ניט געווען אַנדערש. מחמת ביז די עטלעכע גאַסן־פרויען זיינען געקומען אין „לאַגער" זיינען די מענער כמעט אַלע פאַרנאַכט געזעסן, אויף שטעקלעך געבראָטן שטיקלעך פלייש, וואָס זיי האָבן מיט זייערע קינזשאַלן אָפּגעהאַקט פון לעבעדיקע בהמות, פאַרטרונגען דאָס עסן מיט וויין, אָדער מיט „מאַטע", און דערציילט מעשיות פון העלדישע גאַוטשאָס, וואָס האָבן זיך אַנטקעגן־געשטעלט זייערע שלעכטע פּריצים; צי לעגענדעס וועגן יונגע און שיינע פּעאָנען אין וועלכע עס האָבן זיך „שטערבלעך פאַרליבט" רייכע, געבילדעטע סעניאָריטאַס, מיט וועמען זיי האָבן שטילערהייט חתונה געהאַט.

אַזוי האָבן די פּעאָנען געוועבט פאַרשיידנאַרטיקע פאַנטאַזיעס און אָנגעהאַלטן די פריינטשאַפט איינער מיטן אַנדערן. נאָר זינט די גאַסן־פרויען האָבן זיך באַוויזן אין „לאַגער", איז דער גאַנג פונם שטילן לעבן אין טאָל געוואָרן אַן

איבערגעקערטער מיטן קאָפּ אַראָפּ. אין דער אמתן איז געווען פריקרע צו זען, ווי די זעלביקע פרויען, וואָס האָבן אין שטאָט פאַרקויפט זייערע לייבער צו אַבי־וועמען, זיינען דאָ געוואָרן גאַנצע איבערקלייבעריגס און נאָר געזוכט די ייִנגערע, די שענערע זכרים, וואָס האָבן זיי אימפּאָנירט מיט זייער גבורה און מענלעכן געשטעל, און אויף די עלטערע, באַבערדלטע און ניט צו־ציכטיקע פּעאָנען אפילו ניט געוואָלט אומקוקן זיך.

צוליב דעם זיינען אויסגעוואקסן צוויי צדדים און ס'האָט אויסגעבראָכן אַ פאַרביסענע שנאה און אַזאַ ניט־פאַרגינעריי, אַז ס'וואָלט זיכער געקומען אפילו צו מעסער־שטעכעריי. נאָך אַ נס, וואָס דער אַלטער גאַוטשאָ האָט באַצייטנס דערשמעקט אינדערלופטן דעם האַס, וואָס האָט זיך געטראָגן פון איין גרופּע מענער צו דער אַנדערער און ער האָט זיך צעשריען אויף די געקריוודעטע:

— וואָס צו אַלדי שוואַרץ יאָר, זיינט איר אויפגעבראַכט אויף יענע מוטשאַ־טשאָס (יונגען) הלמאַי עפּעס אַ הור וויל דווקא שלאָפן מיט זיי און ניט מיט אייך!? אַזוי דאַרפן דאָס האַנדלען פאַראייניקטע פּעאָנען, וואָס דאַרפן זיך יעדע רגע גרייטן צו קעמפן מיט די פּריצים, מיט זייערע זשאַנדאַרמען, צי מיטן מיליטער?! שעמען מעגט איר זיך, בוראַטשאָס (נאַראָנים)!

די ניט „באַפרידיקטע" יונגען האָבן זיך טאַקע אויף אַ ווײַלע פאַרשעמט פונם אַלטנס רייד. נאָר צו לאַנג האָט דאָס פאָרט ניט אָנגעהאַלטן. איינציקווייז האָבן זיך די „באַליידיקטע" פאַרגנבעט הינטער די גרויסע שטיינער און פונוויטן געזען ווי די „גליקלעכע" האָבן זיך געשפּילט מיט די פרויען אינם ווילדן גראָז. דערפון איז איינער פון די „באַליידיקטע" אַזוי ווילד געוואָרן, אַז ער האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויף די האַלאָבליעס פון אַ וואָגן, צו וועלכן ס'איז געווען צוגע־שפּאַנט אַן אַלטע גרויע קליאַטשע און איר משכב־זכר געווען.

עס קאָן זיין, אַז דער דאָזיקער עקלהאַפטער באַהעפטן זיך וואָלט זיך גיך פאַרשפּרייט צווישן די עלטערע פּעאָנען ווי אַ מין מגפה. צום גליק האָט דאָס כוליטאָ וועגן דעם באַלד זיך דערוואוסט און אַזוי ווי ער איז געווען דער גאַנצער אָנפירער פונם „לאַגער" און געוואָלט אויסמיידן די גרויסע סכנה, האָט ער צונויפגערופן אַלע פרויען און זיי באַפוילן:

— פון הייַנטיקן טאָג אָן וועט זיך דאָ מער אַזוי ניט פירן. איך גיב אייך בלויז איין ברירה, בעסער געזאָגט, צוויי ברירות: אָדער איר וועט מוזן אויפנעמען יעדן מאַן דאָ אין טאָל, אָדער איר מוזט גלייך פאַרלאָזן דעם „לאַגער"!...

צווישן די גאַסן־פרויען איז אויסגעבראָכן אַ קריגעריי. זיי האָבן זיך גע־היצט, געקאָכט, געשאָלטן איינע די אַנדערע. אפילו פאַרמאָסטן זיך מיט די פיוסטן אינדערלופטן. איינע האָט געשריען, אַז די אַנדערע זאָל דאָס טאָן אַפריער. צולעצט זיינען אַלע אַנטשוויגן געוואָרן. דאמאָלסט האָט זיך פון דער גרופּקע אַרויסגעשאַרט אַ שוואַרץ־אויגיקע פרוי פון אַ יאָר דרייסיק און געזאָגט כוליטאָן:

— באָינאָ (גוט), פונם „לאַגער" וועלן מיר ניט אַוועקגיין...

פונם ווייבערשן באַשלוס האָבן זיך די געמיטער ביי די מערסטע מענער איינגעשטילט. די זכרים זיינען ווידער אַלע פאַרנאַכט געזעסן ביים פייער, גע־באַקט קאַרטאָפל אונטערן זשאַר, געוויכערט ציגאַרעטלעך, געטרונקען „מאַטע" און צום טויזנטסטן מאָל איבערדערציילט די זעלביקע פאַנטאַסטישע מעשיות,

עליע ווערבלון

# קליינע לידער

כ'האָב געזען דעם דיכטער, ווי ער גייט
דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן.
פון יעדן ווינט איז ער פאַרווייט
און טרערן, טרערן
קייקלען זיך פון זיינע אויגן.

דער הימל איז זיין הימל ניט,
די ערד איז פרעמד אים און צעגראָבן,
און וואו ער שטעלט אַוועק זיין טריט
איז חלל ליידיקער—
ער ווערט אין אים פאַרלאָרן.

***

... און איך, דער מענטש וואָס קומט
פון אַנדערע לענדער,
פון פרעמדקייט, פון ווינטן און קעלט—
בין דאָ אַ טייל פון דעם זמר,
אַ טייל פון דעם זוניקן ניגון,
וואָס שלאָגט, ווי אַ גייזער, אַרויס פון דער ערד,
וואָס איז, ווי דער ים, אָנגעזשליאַקעט מיט שיין.

***

אַ נייער פרילינג איז געקומען.
די ערד איז פול מיט ווילדגראָז און מיט בלומען.
די בערג אפילו זעען אויס ווי היינט אַרויסגעשפּראָצט.
די וואָלקנס זיינען אויך אַזאַ מין הימל־גראָז.

נאָר איך—דער מענטש—בין עלנט אין מיין חדר.
צו גרויע ווענט פאַרנאָגלט, באַקליידט מיט שוואַרצע קליידער.

(רמת השרון, ישראל)

---

וואָס זיינען אין גרונט גענומען געווען ניט געשטויגן און ניט געפלויגן. אָבער דאָס „נאָרמאַלע" לעבן אין „לאַגער" האָט זיך סוף־כל־סוף דאָך איינגעשטעלט מיטן זעלביקן דרך ווי ער איז געווען פון אָנהויב אָן.

יצחק אייזנבערג (תל אביב)

# יוסף פּאַפּיערניקאָוו

## (צו זיין פערציק יאָר ליטעראַרישע טעטיקייט אין ישראל)

עס ווערט איצט פערציק יאָר צו דער ליטעראַרישער טעטיקייט פון באַקאַנטן דיכטער יוסף פּאַפּיערניקאָוו, וועלכער לעבט און שאַפט אין ארץ־ישראל זייט דעם יאָר 1924. אַ ספּעציעלער געזעלשאַפטלעכער קאָמיטעט אין וועלכן עס באַטייליקן זיך פען־מענטשן און עסקנים פון פאַרשיידענע שאַטירונגען גרייט זיך באַצייכענען די דאָזיקע דאַטע אויף אַ געהעריקן אופן. דער וויכטיקסטער אויפטו פון דאָזיקן קאָמיטעט וועט זיין, אויב עס וועט אים געלינגען פאַרווירקלעכן דעם פּלאַן, און אַרויסגעבן אין איין גרויסן בוך אַלע ישראלדיקע לידער פון פּאַפּיערניקאָוון.

**יוסף פּאַפּיערניקאָוו איז דער חלוץ פון דער דיכטונג וועגן ארץ־ישראל אין דער יידישער שפּראַך,** און ביז היינט, שוין כמעט צוויי דורות, זינגט ער מיט גרויס ליבע וועגן איר לאַנדשאַפט און דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן אין איר. עס זיינען טאַקי געווען ביי אונדז דיכטער, וואָס האָבן שוין באַזונגען ארץ־ישראל נאָך פאַר פּאַפּיערניקאָוון און געבוג וועט זיין אויב מיר וועלן דאָ דערמאָנען יהואָשן ע״ה און אפרים אויערבאַכן צו לענגערע יאָר, אָבער אין קעגנזאַץ צו זיי אַלעמען האָט פּאַפּיערניקאָוו פאַרבונדן זיין גורל מיט אונדזער היסטאָריש לאַנד א ו י ף ש ט ע נ ד י ק, טראָץ דעם וואָס ביז איצט לעבט זיך אים דאָ גאַנץ שווער פון מאַטעריעלן שטאַנדפּונקט.

פּאַפּיערניקאָוו האָט עולה געווען קיין ישראל נאָך אָנהייב פון די צוואַנציקער יאָרן, ס׳הייסט, נאָך אין יענער וויטער צייט, ווען דער גאָר גרויסער טייל פון די יידישע דיכטער אין פּוילן איז געשטאַנען גאָר נאָנט אָדער צו דעם אַנטי־ציוניסטישן „בונד״ אָדער צו די קאָמוניסטן, און אַלס אַזעלכע האָבן זיי וועגן ארץ־ישראל בכלל נישט געוואָלט וויסן. פּאַפּיערניקאָוו האָט אָבער זיך באַנוגנט נישט בלויז מיט ליבע צו ארץ־ישראל נאָר פאַרלאָזנדיק הינטער זיך אַ גרויסע משפּחה איז ער אַליין אַהער געקומען. ער האָט געאַרבעט אַלס אַ פּשוטער אַרבעטער ביי בנין און שאָסייען און איז געווען דאָ אַן אָרימער חלוץ אין פולן זין פון וואָרט.

יוסף פּאַפּיערניקאָוו איז אַ געבוירענער אין וואַרשע. זיין פאָטער איז געווען אַ חובב־ציוניק, פלעגט סטאַביל באַקומען די „הצפירה״ אין זיין הויז און איבער זיין בעט זיינען געהאָנגען גרויסע פּאָרטרעטן פון הערצל און סאָקאָלאָוו. יוסף האָט באַקומען זיין דערציאונג אין די רייען פו די לינקע פּועלי־ציון און צוזאַמען מיט זיי האָט ער אַדורכגעמאַכט אַ לאַנגן וועג. מיט אומגעפער צען יאָר צוריק האָט ער זיי פאַרלאָזן און פון דאַמאָלסט אָן איז ער פולשטענדיק אַן אומפּאַרטייאישער מענטש און גייט זיין וועג פולשטענדיק ביחידות.

אין אַמאָליקן פאַר מלחמהדיקן פּוילן, וואו יוסף פּאַפּיערניקאָוו האָט געשטעלט זיינע ערשטע ליטעראַרישע שריט, איז ער געווען פון די יונגע דיכטער, וועלכע האָבן געזען אין י. מ. וויסענבערגן זייער רבין און וועגווייזער און האָבן געדרוקט זייערע ערשטע שאַפונגען אין זיין מאָנאַט־שריפט „אונזער האָפענונג.״ צו דער דאָזיקער גרופּע האָבן דאַן געהערט אויך די שרייבער: שמעון האָראָנטשיק, עוזר וואַרשאַווסקי, יחיאל לערער, און אַנדערע.

פון דאַמאָלסט ביז איצט האָט שוין יוסף פּאַפּיערניקאָוו פאַרעפנטלעכט אַ צען ביכלעך — לידער, גרעסערע און קלענערע. די ערשטע פון זיי זיינען געווען „אין זוניקן לאַנד", „גאָלדענע זאַמדן" און „רויט אויף שוואַרץ." שפּעטער זיינען געקומען „די 24טע שעה" (אינטימע לירישע לידער) און „אונטער פייער" (לידער פון דער תקופה פון די בלוטיקע אומרוען אין לאַנד אין די יאָרן 39-1936). אַ גרויסער טייל פון זיינע לידער זיינען דורך אים צונויפגעזאַמלט און אַרויסגעגעבן געוואָרן אין אַ בוך אונטערן נאָמען „אין לאַנד פון צווייטן בראשית." מיט עטלעכע יאָר צוריק איז אויך דערשינען זיינס אַ פּראָזע־בוך אונטערן נאָמען „נאָענטע און ווייטע". דאָס זיינען שילדערונגען פון דעם דיכטערס באַגעגענישן מיט באַקאַנטע פּערזענלעכקייטן אין פּוילן און אין ישראל.

ניט ווייניק פון פּאַפּיערניקאָווס לידער זיינען איבערזעצט געוואָרן אויף העבּ־רעאיש און פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין אַ רייע צייטשריפטן. די דאָזיקע זיינען דערשינען אַלס אַ ספּעציעל ביכל אונטערן נאָמען „פרי גני" (פּרוכט פון מיין גאָרטן). דאָס איז געווען נאָך אין יאָר 1935. פאַראַיאָרן איז דאָס דאָזיקע בוך דערשינען אין אַ פאַרברייטערטער פאָרם אין „מנורה" פאַרלאַג אין תל־אביב און איז פאַרשפּרייט געוואָרן אין אַ גאַנץ באַדייטנדער צאָל עקזעמפּלאַרן. אַ רייע ישראלדיקע דיכטער האָבן געפונען פאַרנויטיק איבערצוזעצן פּאַפּיערניקאָווס לידער פון יידיש אויף העברעאיש און דער באַקאַנטער שרייבער, פּראָפ. דוב סדן, האָט אָנגעשריבן אַ גאָר וואַרעמען איינלייטונגס וואָרט צום דאָזיקן בוך.

פון צייט צו צייט פאָרט אַרויס יוסף פּאַפּיערניקאָוו אויף קורצע קולטור־שליחותן קיין אויסלאַנד. אין יאָר 1950 איז ער געווען אין פראַנקרייך און אַביסל שפּעטער האָט ער געוויילט אַכט חדשים אין דרום־אַפריקע אַלס גאַסט פון דער פעדעראַציע פאַר יידישע קולטור אין יאָהאַנעסבורג. מיט עטלעכע חדשים צוריק איז ער ווידער געווען אין פּאַריז אַלס גאַסט פון פאַראיין פון די יידישע שרייבער דאָרט.

ער באַצייכנט מיט גרויס ווייטאָג דעם פאַקט, אַז אין די אַלע לענדער אין וועלכע עס איז אים אויסגעקומען צו באַזוכן, איז די לאַגע סיי פון יידיש און סיי העברעאיש ווייט פון צו זיין צופרידנשטעלנדיק, און די שפּראַכלעכע און קולטור־אַסימילאַציע, ספּעציעל פון דער יידישער יוגנט, האַלט אין איין וואַקסן פון יאָר צו יאָר. דער איינדרוק זיינער איז, אַז עס ווערט טאַקע געטאָן מצד פאַרשיידענע פאַקטאָרן גובר צו זיין די דאָזיקע סכנה, אָבער דאָס איז ווייט נישט גענוג און די רעזולטאַטן זיינען גאַנץ טרויעריקע פון נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט.

„ווען כ'בין געווען לעצטנס אין פּאַריז האָט מען מיר געזאָגט, אַז עס דאַרף פאָרקומען אַ רעפעראַט וועגן מדינת ישראל אין אַ ציוניסטישער יוגנט באַוועגונג," דערציילט מיר דער דיכטער — כ'בין אין אָוונט אַוועק הערן דעם דאָזיקן רעפע־ראַט, אָבער קומענדיק אַהין האָב איך זיך שטאַרק פאַרוואונדערט, וואָס דער רעדנער האָט רעפערירט נישט אויף יידיש און נישט אויף העברעאיש נאָר פראַנצויזיש. דער ציל דערפון איז, פאַרשטייט זיך, צו געווינען די יוגנט, אָבער פון דער צווייטער זייט אונטערגראָבט עס דאָך דעם פּרעסטיזש פון העברעאיש און פון יידיש אין די אויגן פון דער געזעלשאַפט. און קיינער קאָן נישט וויסן צי וועט מען טאַקע אויף אַזאַ מין אופן געווינען די יוגנט.

פּאַפּירניקאָוו איז טיף איבערצייגט, אַז דעם „פּאַפּירענעם בריק״ צווישן ישראל און די תּפוצות קאָן מען בויען דורך אַ סטאַבילן אויסטויש פון פּען־מענטשן צווישןביידן. שרייבער פון ישראל זיינען בכוח, לויט מיין מיינונג, אַנטוויקלען אַ ברייטע אויפקלערונגס אַרבעט פון אונדזערע פּראָבלעמען מער ווי אַ פּראָפעסיאָנעלער עסקן אָדער שליח פון דעם אָדער יענעם דעפּאַרטמענט פון דער יידישער אַגענץ.

יוסף פּאַפּירניקאָוו איז פון שטענדיק אָן אַ צאַרטער לירישער דיכטער און פיל לידער זיינע זיינען פון לאַנג אַ קנין פון פאָלק אויף אַזוי פיל, אַז נישט שטענדיק ווייסט מען אפילו ווער איז דער מחבר זייערער. געגנוג וועט זיין אויב מיר וועלן דאָ דערמאָנען זיין פּאָפּולער ליד „זאָל זיין״, וואָס הויבט זיך אָן מיט די פערזן: „זאָל זיין, אַז איך בוי אין דער לופט מיינע שלעסער; זאָל זיין, אַז מיין גאָט איז אינגאַנצן נישטאָ.״ ער גיט אין זיינע לידער אַן אויסדרוק פון געדאַנקען־גאַנג פון אַן איינזאַמען הילפלאָזן מענטשן: „לאָזט מיר, לאָזט מיר זיין אַליין. איך בין אין איינזאַמקייט מיט אייך״— בעט ער זיך ערגעץ אין זיינס אַ ליד.

אַלס אַ דיכטער זעט ער זיך אַלס איינער פון די לעצטע טרובאַדורן „וואָס גייען פאַרלאָרן אין שטורם פון די צייטן.״ יעדעס ווינקל אין מדינת ישראל באַקומט איר אָפּשפּיגלונג אין פּאַפּירניקאָווס שאַפונג, אויף אַ באַשיידענעם אופן, אָן פּרעטענזיעס צו קיינעם.

יוסף פּאַפּירניקאָוו איז במשך פון די פאַרגאַנגענע פערציק יאָר פאַרוואַנדלט געוואָרן דורך זיין שאַפונג אין אַ טייל פון דער ישראלדיקער ווירקלעכקייט. ער האָט פיל אויפגעטאָן פאַר דער דערנענטערונג פון דער יידישער „דיאַספּאָראַ״ צום געדאַנק פון ישראל־אויפבוי, און שוין פאַר דעם אַליין קומט אים די געהעריקע אָפּשאַצונג מצד אַלע, וואָס ישראל און איר דיכטונג זיינען זיי ליב און טייער.

## פּ י י ע ר ל ע כ ע ר  ל י ט ע ר אַ ט ו ר - אָ ו נ ט

צו דעם אויסטייל פון דער פערטער ליטעראַטור פּרעמיע פונם פרידלאַנד ליטעראַטור־פאָנד — שבת אָוונט, דעם 25טן יאַנואַר, 1964, אין זאַל פון קולטור קלוב, 4213 מאָנראָו גאַס.

אין פּראָגראַם וועלן אויפטרעטן די קאַלעגן פון דער זשורי: ה ע ר י  ל אַ נ ג, ז ל מ ן  ז י ל ב ע ר צ ו ו י י ג, נ ח  ג אָ ל ד ב ע ר ג, דער בעל הפּרעמיע י. פ ר י ד ל אַ נ ד, און דער אָרטיקער געוואונער פון דער פּרעמיע, דער עסייאיסט מ אַ ט ע ס  ד י י ט ש.

אַ ליטעראַריש־מוזיקאַלישע פּראָגראַם ווערט פאַרגרייט, אויך יום־טובדיקע טישן און כּיבוד.

## יידישער לייענער!

**טוט אייער קולטור חוב! קומט ניט אָפּ נאָר מיט אייער הסכמה און פרומען וואונטש אַז ס'איז זייער נויטיק דאָ אַ שריפט אין יידיש—באַווייזט עס מיט מעשים. ווערט אַ מיטבויער און אַבאָנענט פון „חשבון״—די איינציקע שריפט אין יידיש אין לאָס אַנגעלעס.**

ז. בונין

# אויפן שיף קיין אמעריקע

(פראַגמענט פונם בוך: „פון פרילינג ביז האַרבסט״)

„אַט מוז זי זיך ליגן, אַט מוז זי זיך שטעלן,
אַט טרייבט עס צוריק איר, אַט טרייבט עס פאָראויס.
אַ שפּילכל איז איצטער די שיף ביי די וועלן,
זיי שלינגען זי אייך, און זיי שפּייען זי אויס.״
(מאָריס ראָזענפעלד „אויפן בוזים פון ים״)

פאַלש און פאַרפירעריש איז דער ים !
ווען די שיף איז געשטאַנען פאַראַנקערט
אין ברעמען האַפן,
איז ער געווען קוצעניו־מוצעניו,
אַן אמתער תם.
געגלעט און געקושט די שיף
אויףביידע באַקן.
געוויגט זי אַרויף און אַראָפּ,
ווי אַ מאַמע האָצקעט מיט
צערטלעכקייט איר קינד
אויפן באַקן.
נאָר אין געציילטע עטלעכע טעג,
ווען די שיף האָט זיך דערווייטערט
אַ פינף־זעקס הונדערט מייל פון ברעג,
האָט ער זיך עס צע'ירגזונ'ט,
האָט ער עס זיך צעשטורעמט !
ווילדע וואַסער־בערג
אַריבער די מאַסטן געטורעמט.
הימל און וואָלקנס האָבן מיט אים
יד־אַחת געמאַכט,
און עס איז געוואָרן
איין גרויסער שוידער,
איין גרויסע שרעק,
ווי די וועלט וואָלט געקומען צו אַן עק,
די דייטשן האָבן אַ געשריי געטאָן:
„אַלעס אַרונטער״!
פאַרהאַקט אַלע טירן, פענצטער,
אויף זייערע שלעסער,
און מיר שווימען אין אַ וואַסערדיקן
גיהינום.

אַזוי צעווילדעוועט
האָט נאָך קיינער געזען אים.
און געדאַכט האָט זיך,
אַז מיר געפינען זיך אין נח'ס קאַסטן,
און עס וועלן ניט העלפן
ניט קיין תפילות, ניט קיין פאַסטן !
„די פענצטער פון הימל האָבן זיך
צעעפנט״,
און דער מבול האָט זיך אַרונטערגעלאָזט!
און גיין, וועט שוין אַזוי גיין, דער מבול,
פערציק טעג מיט פערציק נעכט,
ווי אין חומש שטייט געשריבן.

און ווער ווייסט ווי לאַנג עס וואָלט
אַזוי נאָך פאַרבליבן,
ווען אַ פּאָר יידן קומען ניט צום שכל
און תהלים זאָגן גענומען.
און גוים עטלעכע האָבן זיך צע'צלמ'ט
און„נאַ פּאַמאַשטש״(צוהילף) זיי געקומען
און דער שטורעם האָט זיך אונטערגעגעבן,
און אַז דער שטורעם האָט זיך
אָפּגעשטעלט
האָט ווי אויפגעשיינט אַ נייע וועלט,
און ים און הימל האָבן זוניק זיך
צעשמייכלט:
נאַרישע קינדער וואָס איר זייט,
וואָס האָט איר זיך אַזוי דערשראָקן
און געוואָרן אַזוי בלאַס?
מיר האָבן בלויז אַ שטיף געטאָן,
געמאַכט אַביסל שפּאַס.

חנה בושעל־סאַלאָוו

# וואו פירט די צייט?

עם פאַרגייט דער טאָג און ס׳קומט די נאַכט,
שוין פאַרגאַנגען אַלע שטראַלן —
און איך זיץ אַזוי שטיל פאַרטראַכט —
נאָך אַ ווייסער טאָג פאַרפאַלן! . . .

נאָך אַ טאָג איז שוין פאַרגאַנגען,
עמיצער פאַרשרייבט די צייט . . .
מיר גייען, קומען, מיט פאַרלאַנגען,
און אַלץ גייט אין דער אייביקייט! . . .

שטיל און אומעטיק איז דאָ אַרום,
קיין ביסל פרייד קומט ניט אַהער —
אונטער פענצטער ווינטס געברום,
אויפן שויב פינקלט אַ טרער . . .

אָט, איך שטיי ביים סאַמע ברעג,
אַליין, אַליין, ביזן סוף —
וואו פירט מיך די צייט, איך פרעג,
אַז ניט איך וואַרט, ניט איך האָף! . . .

ווער מורמלט דאָרט אונטער פענצטער,
און וואַרט די נאַכט זאָל שוין קומען?
עס בענקט חלום דער שענסטער,
און די ווינטן, איבער בערג, ברומען! . . .

---

## אַרבעטער רינג שול יום-טוב און קאָנצערט

איז געווען געווידמעט דעם 70־יאָריקן יובל פון דעם באַקאַנטן שול־טוער יונה אַפּטייקער. ביי אַ גוט־באַזוכטן עולם אין דעם נייעם אַרב. רינג צענטער איז דורכגעפירט געוואָרן אַ פּרעכטיקער וואָרט און געזאַנג קאָנצערט. פייגעלע פּאַניץ האָט בייגעטראָגן אַ ציקל פאָלקס־לידער; אַברהם זיגלבוים האָט פאָרגע־לייענט פון י. ל. פּרץ און א. שטיינבאַרג. אַ מיידל פון דער מיטל־שול האָט גאָר פיין פאָרגעלייענט און באַגריסט דעם בעל־שמחה. ש. סיגאַל, דער הויפּט־לערער, האָט באַגריסט און פאַרגעשטעלט דעם סטאַף־לערער פון דער שול. ה. ראָטבלאַט האָט געמאַכט דעם אַפּיל, וואָס האָט אַריינגעטראָגן אַ באַדייטנדיקע סומע. דער בעל־היובל און חברה אַפּטייקער האָבן באַדאַנקט דער שול־פאַרוואַלטונג און דעם שיינעם עולם וואָס איז געקומען צום שול יום־טוב און קאָנצערט. די פירערונג איז געפירט געוואָרן אונטערן פאָרזיץ פון אַלעקס ראָבין.

יצחקי

# מחשבות בקול

(מכוח ביכער און שרייבער)

חשובער קאָלעגע מיינער: איך וויל זיך דאָ אַרויסזאָגן אין דער הויך וועגן גורל פון יידישן שרייבער בשייכות מיטן מצב פון יידישן בוך. אָט שרייבסטו שוין מער ווי אַ פערטל יאָרהונדערט; פון צייט צו צייט דרוקסטו אָפּ אַ זאַך אין אַ צייטונג אָדער זשורנאַל; שרייבסט פובליציסטיק, עסייען, דערציילונגען וכו׳. אמת, האָסט ניט מרעיש עולם געווען מיט דיין שאַפונג, אָבער דיין שרייבן האָט געהאַט לאָגיק, אַ זין און בילדלעכקייט. וואָלט דיין שאַפן געוואָרן אַריינגענומען צווישן די טאָוולען, וואָלט עס אפשר אויפגענומען געוואָרן פון קאָלעגן שרייבער. אַזוי אָבער זיינען דיינע שאַפונגען צעוואָרפן; דו קאָנסט צומאָל נישט צוקומען צו דיין ביכער־שענקל און זיך זעטיקן מיט דער פרוכט פון דיין יצירה...

ס׳טרעפט אַמאָל, אַז איך טו אַ טראַכט: צו וואָס דאָס שרייבן גאָר אינגאַנצן? מילא דער פראָפעסיאָנעלער שרייבער וואָס אַרבעט אין אַ צייטונג, איז ביי אים דאָס שרייבן אַ מלאכה — זיין פרנסה, ער מוז שרייבן! איינער פאַרריכט זייגער־לעך, אַ אַנדערער — שיך, אַ דריטער שרייבט לעבנס־פאַרזיכערונג. דער צייטונג־שרייבער שרייבט אויף באַשטעל: גוט, שלעכט—ער מאַכט, ווי מ׳זאָגט אַ „דזשאָב״. דער ניט־פראָפעסיאָנעלער שרייבער שרייבט מחמת ער האָט אַ גרויסע תשוקה, אַ הייסן באַגער צום שרייבן. ער געפינט אין זיין שרייבן אַ טרייסט, אַ פרייד און אַ דערהייבונג; זיין ליד, עסיי, אָדער דערציילונג, האָט ער אויסגעטראָגן און אויסגעוויטיקט.

בכן, איז די צייטונג בכלל נישט דאָס געהעריקע אָרט פאַר דעם, מחמת דאָס גוטע און קערנדיקע ווערט ממש בטל בששים.

די צייטונג איז אַ מאָמענטאַלע דערשיינונג, מיטן צוועק צו געבן דעם לייענער צאַפּלדיקע נייעס. זי זוכט בכלל זיך צו צופאַסן צום געשמאַק פון דורכשניטלעכן לייענער. דער רוב כאַפּט אַ בליק, דאָ און דאָרט, איבער די קעפּלעך, זעלטן ווען ער לייענט איבער דאָס בלאַט אינגאַנצן, און גלייך גייט עס אַוועק אויף מאַקו־לאַטור־פּאַפּיר, צום אַרויסוואַרפן.

ליגט פאַר׳יתומ׳ט און פאַרוואָרלאָזט אַ שיין פאַרחלומט ליד אין אַ צייטונג צווישן אַ פּאַק אַנדערע צייטונגען אויפן בופעט ביים קרעמער, גרייט מיט דער צייטונג (אין וועלכער דאָס ליד אָדער עסיי איז אָפּגעדרוקט) איינצעוויקלען אַ הייפּטל קרויט, אַ סאַלאַט, אָדער גאָר אַ געזאַלצענעם הערינג. דער דיכטער האָט אַוודאי זיין ליד אויסגעפּיבערט מיט קדושה פון זיין נשמה; ער האָט עס געפּיילט און פּאָלירט ס׳זאָל אַרויסקומען וואָס שענער, ראַפינירטער און הערלעכער. מיט אַ שטילן האַרץ־קלאַפּ האָט ער דערוואַרט די דערשיינונג פון זיין באַשאַף... נו, איז עס ענדלעך אַרויס אויף דער ליכטיקער שיין. אָבער... וואָס פאַר אַ קורץ לעבן האָט עס געהאַט! — בלויז אַ בליק געטון, אַ נייג געטון זיך פאַר דער עפנטלעכקייט און פאַרענדיקט די קורצע באַקאַנטשאַפט מיט זיין מאַיעסטעט — דעם לייענער...

בין איך מחמת דעם ביי דער מיינונג, אַז פאַרן בעסערן ליד, עסיי און דער־ציילונג, איז די צייטונג לגמרי נישט דאָס בכבודיקע אָרט. דער לייענער קאָן זיך צו דעם מער קיינמאָל נישט אומקערן; פאַר דער בעסערער און ערנסטערער זאַך

איז דאָס בוך, אין וועלכן די שאַפונגען פונעם שרייבער ווערן אַריינגענומען, דאָס איינציקע חשובע אָרט. אין בוך ווערט עס פאַרדויערהאַפטיקט פאַר אַ דורותדיקן המשך. מחמת דעם האָב איך בשום אופן ניט קיין פאַריבל אויף די יונג-אַלטע שרייבער, וואָס נעמען צוזאַמען זייער ליטעראַרישן פאַרמעג און גיבן עס ענדלעך אַרויס אין אַ בוך. איך טייל לחלוטין נישט די מיינונג פון די וואָס נעגירן עס, און ווערן אפילו פוסקים אויף דעם אָדער יענעם שרייבער.

אַנדערע קומען אפילו אַרויס מיט טענות, אַז: „ס'איז אַ הפקרות! ווער עס וויל נאָר גיט אַרויס אַ בוך"... די זעלביקע האָבן אויך שטאַרק פאַריבל געהאַט אויף אונדזער גוטן, ליבן אַברהם רייזען ז"ל, מחמת ער פלעגט מיט אַ פרייער פען און מיט נאָך מער פריי הארץ, אויסטיילן ווערטער פון ליוב און אנערקענונג יונגע טאַלאַנטן אָדער אַנהייבער.

ניט לאַנג צוריק האָבן צווי באַוואוסטע יידישע רעצעזענטן, נאָכדעם ווי זיי האָבן אָפּגעגעבן דעם פאַרדינטן שבח צום באַקאַנטן שריפטשטעלער, רעצענזאַנט און מוזיקאָלאָג, סאָלאָמאָן קאַהאַן, פאַר זיין בוך „ליטעראַרישע פאַרצייכענונגען", האָבן זיי אויך ניט פאַרפעלט אים פאַרצוואָרפן די „גרויסע זינד" זיינע, וואָס ער איז צו פרייגעביק מיט ליוב-ווערטער צו די נייע אומבאַקאַנטע שרייבערס וואָס גיבן אַרויס ביכער. אַ ז אַ ז י נ ד ר " ל ! קיין רעה מיט דעם האָט ניט אברהם רייזען ע"ה און ניט סאָלאָמאָן קאַהאַן, צו לאַנגע יאָר— זיכער קיינעם נישט געטאָן, און אַביסל ליוב האָט נאָך קיינעם ניט אַראָפּגעפירט פון דרך-הישר. פאַרקערט — ביטול און גלייכגילט קאָן אָפּטויטן דעם בעסטן טאַלאַנט.

זע איך ניט אין דעם קיין שום חטא, מיט וואָס ווערט עס שאַדן דער יידישער ליטעראַטור, ווען עס וועלן דערשיינען וואָס מער ביכער? האָבן מיר טאַקע אַזאַ גרויס עשירות פון דעם מין? כן ירבו! זאָל זיין פון וואָס אויסצוקלייבן. אַ ליטע־ראַטור מוז נישט דווקא באַשטיין פון כולו חכמה און תורה; פונקט ווי אַ פאָלק קאָן נישט באַשטיין פון כולו צדיקים און גאונים. און וויפיל וואָסער מיינסטו, קען מען אויסקוועטשן פון אַ סך שוין דערשינענע ביכער פון אונדזערע שוין גאָר, גאָר אַנערקענטע שרייבערס, שיער ניט קלאַסיקער? אויך זיי האָט מען אין זייער בראשית פאַרגעוואָרפן, נישט אַנערקענט און אפילו אָפּגעחוזקט: יעקב גלאַט־שטיינען, למשל, האָט ש. יאַנאָווסקי ע"ה (רעד. „פ.אַ.ש.") געהייסן אויפגעבן שרייבן לידער און זיך בעסער נעמען צו עפּעס אַנדערש. דוד פרישמאַן האָט י. ל. פרצן אין אָנהייב פון זיין שאַפן חושד געווען אין פּלאַגיאַט, און צענדליקער אַנדערע פאַלן אַזעלכע, וואָס זיינען גוט באַקאַנט אין דער וועלט-ליטעראַטור און אין קונסט.

בכן, האַלט איך, אַז די נייע אויפגעקומענע מחברים דאַרף מען געבן אַביסל מער דערמוטיקונג ווי זיי באַקומען אין דער אמתן. זאָלן זיי, די נייע מחברים, זיך אויך אַרויפכאַפּן אויפן פּעגאַז-פערד, און דער לייענער וועט שוין, פאַר זיך אַליין, אָפּשאַצן ווער ס'איז אַ גוטער און עכטער „רייטער"! ווי קאָן מען עס בכלל מעסטן איינעמס טאַלאַנט, אויב די שאַפונגען פון די נייע מחברים וועלן נישט דערזען די ליכטיקע שיין?...

ווען דו באַשליסט ענדלעך שוין צונויפזאַמלען דיינע זאַכן און אַרויסגעבן זיי אין אַ בוך, ערשט דאַן אין דיינע חבלי-לידה הייבן זיך אָן דיינע שטרויכלונגען, נסיונות און ניט וויניק עגמת-נפש. אויף דיין וועג, קאָלעגע מיינער, וועסטו באַ־

געגענען געגוג דערנער, און דעם קלימאַט, די אַטמאָספערע אַרום דיר, וועסטו געפינען ווייט ניט קיין גינסטיקע; מניעות כלערליי. בכן, ווען דער ניי־אויפגע־קומענער שרייבער באַווייזט זיך מיט זיין „ערשטלינג", וואָלט ער, על פּי יושר און שכל, באַדאַרפט אויפגענומען ווערן מיט אינטערעס און וואַרעמקייט; דעם נייעם מחבר וואָלט די קריטיק באַדאַרפט געבן די פּרעפערענץ און ניט פאַרזען ווערן גאָר אינגאַנצן, ווי ס'איז, צום באַדויערן, דער פאַל ביי אונדז...

ווען וואָלט דאָס געוועדט געווען, ווען מיר וואָלטן באמת געהאַט אַ קריטיק מיט אַן אויפמערקזאַם אויג און מיט אַן אחריותפולער באַציאונג צו דער דערשיי־נונג פון אַ ניי בוך פון אַ נייעם מחבר.

דער טרויעריקער אמת איז, אַז די האַלב אָפיציעלע אָדער אומאָפיציעלע קריטיקער, וואָס מיר האָבן כלומרשט ביי דער יידישער פּרעסע, האָבן גאָר קיין צייט נישט צו לייענען די ביכער פון נייע מחברים און דער נייער, אומבאַקאַנטער צו זיי מחבר, האָט נישט די מינדסטע האָפענונג, אַז מ'זאָל זיך גאָר ווען עס איז צורירן צו זיינס אַ בוך!...

בשייכות מיט דעם ענין האָט דוד ראַפּאַפּאָרט (רעד. פון דער געוועזענער שריפט „אויפסניי") אין זיין רובריק „נאָטיצן פון יידיש־לאַנד" („אייגנס", תל־אביב), געבראַכט די פאָלגנדיקע פאַרצייכענונג:

„אונדזער קריטיק, זאָגט ער, „האַלט זיך ביי ש. ניגערס מנהג: — „ווען איך קריג אַ בוך—זאָגט ש. ניגער—פון אַן אומבאַקאַנטן און אַ באַקאַנטן שרייבער, נעם איך לייענען דעם לעצטן, דעם אומבאַקאַנטן לייג אַך אַוועק."

דער זעלביקער ד. ר. דערציילט פון ב. י. ביאַלאָסטאָצקי ע"ה. דער לעצטער האָט גאַנץ אָפן און פשוט זיך אַרויסגעזאָגט:

„מיר, די עלטערע שרייבערס, האָבן ניט די צייט און ניט די געדולד צו לייענען נייע שרייבערס. די נייע מחברים וואָלטן באַדאַרפט קומען מיט זייערע אייגענע קריטיקערס"...

אָט־דער לעצטער מאמר ביאַלאָסטאָצקיס זעט אויס איז כמעט ווי דער ניט געשריבענער איינשטעל צווישן די עלטערע שרייבער, וואָס שטייען נאָענט ביי דער יידישער פּרעסע און וואָס האָבן יאָ אַן אָפענע טיר און אַ פרייע האַנט צו שרייבן וועגן אַזעלכע ענינים, ווען... דער חשק און גוטער ווילן, ס'וואָלט נאָר געווען ביי זיי.

אָבער, ווי געזאָגט, זיי זיינען אַזוי פאַרנומען מיט זיך, אַז דער גאַנצער ענין גייט זיי לחלוטין ניט אָן...

## די דערעפענונג פון דער אינסטיטוט פאָלק־שול

איז דורכגעפירט געוואָרן אין אינסטיטוט בנין, אונטערן פאָרזיץ פון דעם אַקטיוון קולטור־עסקן, מאָריס דייטש. אַ גרופּע תלמידים פון דער שול האָבן פאַרגעטראָגן אַ צאָל לידער, אונטער דער לייטונג פון דער באַגאַבטער געזאַנג־לערערין מלכה שאָו. מיט באַגריסונגען זיינען אויפגעטראָטן פאָרטרעטער פון אַלע צווייגן פון דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג. מרים הירשבערג, די הויפּט־לערערין, האָט זיך לענגער אָפּגעשטעלט אין איר באַגריסונג אויף די צילן און פּראָגראַם פון דער שול. אויף דעם אַפּיל פון דעם פאָרזיצער איז אַריינגעקומען קנאַפּע 25 הונדערט דאָלער. דער אָוונט איז געווען אַ געהויבענער און אַן איינדרוקספולער.

**אַ. כראַבאַלאָווסקי**

# די קופּע

(פראַגמענטן פון אַ לענגערער עסיי)

די בוכהאַנדלונג, וואו איך בין געווען באַשעפטיקט במשך פון עטלעכע חדשים, האָט זיך איבערצויגן. דער ניי־געדונגענער לאָקאַל, אין אַ רייכערער יידישער געגנט, האָט ניט געהאַט קיין פּלאַץ פאַר דער גרויסער צאָל אַלטע יידישע ביכער, וואָס האָבן זיך דאָ אָנגעזאַמלט אין פאַרלויף פון אַ סך יאָרן אויף די אויבערשטע פּאָליצעס. מ'האָט געמוזט זוכן פאַר זיי ערגעץ אַ מקום מקלט, זיי זאָלן ניט בלייבן אויף הפקר. דערווייל האָט מען זיי אַלע צוזאַמענגענומען, מיט אַן עלעקטרישן שטויב־רייניקער אָפּגעשטויבט פון זיי דעם שטויב, וואָס האָט זיך אויף זיי יאָרן־לאַנג געזאַמלט. זיינען זיי געלעגן אין אַ גרויסער קופּע, ממש אַ גאַנצער באַרג, אויפן דיל. מ'האָט זיי געדאַרפט אויססאָרטירן, פאַרפּאַקן אין שאַכטלעך ביז ס'וועלן זיך אויף זיי געפינען בעלנים.

בין איך געשטאַנען איבער דער קופּע ביכער, וואָס זיינען שוין כמעט אַלע אַדורכגעגאַנגען דורך מיינע הענט און אין מיין קאָפּ האָט אויפגעטויכט אַ נאָמען פון אַן אַנדער קופּע פון פּרץ מאַרקיש, געווידמעט די אוקראַינער פּאָגראָמען. איך האָב קיינמאָל ניט פאַרגעסן די ווערטער: „דו זוכסט דיין טאַטן דאָ, דו זוכסט דיין מאַמען דאָ"... איצט האָב איך געפילט ווי אין מיר דערוועקט זיך אַ שטימע פון דער קופּע ביכער אויפן דיל: „דו זוכסט דיין לעבן דאָ, דו זוכסט דיין יוגנט דאָ." אָבער ניט דאָס אַליין איז געלעגן אין דער קופּע: אַ גרויסע פאַרגאַנגענהייט, אַ פאַרשוואונדענע וועלט און אַ וועלט וואָס גייט אַוועק, וואָס וועט מער ניט זיין, איז פאַר מיר געלעגן אין דעם באַרג ביכער.

אָט איז, למשל, אַ בוך, וואָס האָט מיך אַזוי שטאַרק באַגייסטערט אין די יונגע יאָרן. דאָס איז יהואָש'ס איבערזעצונג פון לאָנגפעלאָ'ס „הייאַוואַטהאַ". איך האָב אַ סך שטעלן דערפון געקענט אויסנווייניק:

פרעגט איר מיך, וואו כ'נעם די מעשיות,
די סיפּורים און סקאַזקעס,
מיט די ריחות פון די וועלדער,
מיט דעם דופט פון טוי און לאָנקעס,

מיט די רויכקרייזן פון וויגוואַמען,
מיט די אָפּטע ווידערקלאַנגען
און משונהדיקע עכאָס,
ווי אין די בערג די דונער־קלאַנגען?

און אָט איז דער אידעאַל פון פון אונדזער יוגנט אין יענער צייט: קנוט האַמסונס „פּאַן". איך האָב געלייענט אין אַ רוסישער איבערזעצונג אַלץ, וואָס ער האָט געשריבן. אונדז, די יידישע יוגנט פון יענער צייט, האָט ער באַרוישט מיט זיין ראָמאַנטיק און נאַטור־שילדערונגען, אָבער צוזאַמען דערמיט האָבן מיר פאַרדייעט אַ סך פּעגאַניזם פון שפּעטערדיקן נאַצי־פאַרערער. אַ סך פון זיינע שורות זיינען פאַר אונדז, קינדער פון צנועהדיקע דורות, געוואָרן ווי נייע געבאָטן: „ליבע", האָט ער געשריבן, „איז ווי אַ פייערדיקער פונק, וואָס ברויזט אויף דאָס בלוט; עס איז אַ פייער־פלאַם, וואָס בויגט צו דער ערד די קעפּ פון מלאָכים. ניין, ניט דאָס איז ליבע, עס איז אַ מימאָזאַ, וואָס שטאַרבט פון באַרירונג." אא"וו...

מיר האָבן דעמאָלט פאַרגעסן, אַז דאָס איז מער ניט ווי אַן איבערחזרונג פון אַ ווערק, געשריבן מיט אַ פאָר טויזנט יאָר צוריק, טאַקע פון „שיר השירים":

„כי עזה כמות אהבה"— שטאַרק ווי דער טויט איז די ליבע,
האַרט ווי דער קבר איז די איפערזוכט,
אירע פלאַמען זיינען פלאַמען פייער, אַ פלאַקער פון גאָט.
גרויסע וואַסערן קענען נישט פאַרלעשן די ליבע
און טייכן וועלן זי ניט פאַרפלייצן."

און דאָ געפינט זיך אויך דער נאַציאָנאַלער דיכטער, ח. נ. ביאַליק, מיט זיינע פּאָעמעס: „דאָס לעצטע וואָרט" און „די שחיטה-שטאָט", וואָס מיר האָבן דעקלאַמירט אויף אונדזערע ליטעראַרישע אָוונטן. מען מוז זיך פאַרטראַכטן ווי נויטיק מיר וואָלטן איצט געדאַרפט איינעם, וואָס זאָל שטראָפן און טרייסטן מיט די ווערטער פון זיין „דאָס לעצטע וואָרט":

„כ'וועל טרייסטן, בעטן, וויינען, וועקן,
כ'וועל ניט לאָזן גיין צו גרונד."

איך גלויב עס איז גוט באַקאַנט, אַז אונטערן רושם וואָס די „שחיטה-שטאָט" האָט דעמאָלט געמאַכט, האָט זיך אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן די זעלבסטשוץ.

צווישן ביאַליקס לידער איז אויך פאַראַן דאָס פּאָפּולערע ליד: „אונטער די גרינינקע ביימעלעך", אויף וועלכן אַ דיכטער פון ישראל האָט אָנגעשריבן דאָס חורבן-ליד:

„אונטער די גרינינקע בוימעלעך
שפּילן זיך מער ניט משהלעך און שלמהלעך"...

אָט איז אַ בוך, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר די גרעסטע טראַגעדיע פון אונדזער צייט: דזשאָן רידס „צען טעג וואָס האָבן אויפגעטרייסלט די וועלט," יידיש פון מ. אָלגין. דאָס זיינען די צען טעג פון דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש אין רוסלאַנד. זיי האָבן נישט נאָר אויפגעטרייסלט די וועלט, נאָר אינגאַנצן צע-טרייסלט די פונדאַמענטן פון מענטשלעכן לעבן אויף דער ערד; זיי האָבן אָפּגע-שאַפט אַלע מאָראַלישע געזעצן פון מענשטלעכן צוזאַמענלעבן און אַרויסגערופן פון די פינצטערע היילן די מערדערישע און רויב-אינסטינקטן פון אַלע וועלט-אויסוואורפן; זיי האָבן מיט זייער ביישפּיל פון הערשאַפט דורך מאָרד און טעראָר געבראַכט צום לעבן מוסאָלינין און היטלערן מיט זיינע דייטשישע מאָרד-באַנדעס; זיי האָבן באַשאַפן דעם סטאַלין מאָנסטער, וואָס האָט אויסגעמאָרדעט די אַלע, וואָס האָבן גורם געווען די „צען טעג", אָנגעפילט מיט מיליאָנען מענטשן די שקלאַפן-לאַגערן פון רוסלאַנד און פאַרוואַנדלט גאַנץ רוסלאַנד אין אַ הונגעריקע קאַזאַרמע, פון וועלכער זי וועט לאַנגע יאָרן ניט פּטור ווערן. די „צען טעג", דער נצחון פון באָלשעוויזם האָט צעשפּאָלטן און דעמאָראַליזירט די אַרבעטער-באַוועגונג איבער דער וועלט, האָט מיטגעהאָלפן דעם נצחון פון צווייטן מאָנסטער — היטלער, מיט וועלכן סטאַלין האָט געשלאָסן שותפות און דערמיט געבראַכט אויף אונדז דעם יידישן חורבן, די שוידערלעכע צווייטע וועלט-מלחמה, וואָס האָט אָפּגעקאָסט הונדערט מיליאָן מענטשלעכע לעבנס און אוצרות פון וועלט-רייכטום. וואָס פאַר אַ גרויזאַמע, פאַרשאָלטענע געשיכטע פון „צען טעג"!

* * *

אין דער קופּע געפינט זיך אויך אַ זעלטן בוך פון סטעפאַן צוויג וועגן ראָמען ראָלאַן. עס איז גוט באַקאַנט, אַז ראָמען ראָלאַן האָט מיט זיין בוך „דזשאָן קריסטאָף"

געשילדערט אַ וויכטיקע ראָל אין אונדזער לעבן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, דער עיקר דערפאַר, ווייל ער האָט אונדז גערופן ניט צו פאַרשעמען דעם נאָמען מענטש. למשל זיין פאָלגנדער אויסצוג:

„ער האָט דערזען דאָס לעבן ווי אַ קאַמף אָן אָפּרו און אָן רחמנות, און דער, וואָס וויל בלייבן אַ מענטש, וואָס זאָל ווערט זיין צו טראָגן דעם נאָמען מענטש, מוז פירן אָן אויפהער אַ מלחמה מיט גאַנצע אַרמייען באַהאַלטענע פיינט; מיט מערדערישע כוחות פון דער נאַטור, מיט טונקעלע אינסטינקטן, מיט פינצטערע געדאַנקען, וואָס טרייבן אים פאַררעטעריש צו פאַרניכטונג און אונטערגאַנג.‟

דאָס וואָס איז אויבן געזאָגט איז ניט נוגע נאָר דעם יחיד, נאָר דאַרף אָנגעווענד ווערן צו אַ גאַנצן כלל, גאַנץ באַזונדער בנוגע דאָס יידישע פאָלק, וואָס טרינקט זיך איצט אין ים פון בלוט פון חורבן און ווערט פאַרפלייצט פון די כוואַליעס פון אַסימילאַציע, וואָס שטורעמען אַרום אים פון אויסנווייניק און צושטערן אים פון אינעווייניק.

* * *

אין גאָר אַ גרויסער מאָס געפינען זיך די גראָב־בייכיקע אויסגאַבן פון דער „קראָפּאָטקין ליטעראַטור עזעלשאַפט‟ און „פרייע אַרבעטער שטימע.‟ איך וועל נאָר אָנרופן אַ פּאָר פון זיי: „בידער מיט די וואפן‟ פון באַראָנעסע פאָן זיטנער, פאַר וועלכן זי האָט באַקומען דעם נאָבעל־פרידנס־פרייז, איבערזעצט פון ש. יאַנאָווסקי; „די עטיק‟ פון פעטער קראָפּאָטקין, יידיש פון ד״ר א. מעריסאָן; „טאָלסטאָי‟, „פאַבריקן און פעלדער‟—ביידע פון פּ. ק.

דאָ געפינט זיך אויך אַ גאַנצע ביבליאָטעק פון וויסנשאַפטלעכע קלענערע און גרעסערע ביכער און בראָשורן וועגן וויסנשאַפטלעכע, קולטורעלע און סאָציאַלע פּראָבלעמען, אַרויסגעגעבן דורכן בילדונגס־קאָמיטעט פון אַרבעטער רינג. זיי זיינען עדות פון דער גרויסער בילדונגס און קולטור־אַרבעט, וואָס איז געפירט געוואָרן צווישן די יידישע אַראַבעטער און פאָלקס־מאַסן.

אונדזערע יידישע דיכטער אין אַמעריקע — די אַוועקגעגאַנגענע און די וואָס זיינען נאָך מיט אונדז, זיינען דאָ פאַרטראָטן: ה. לייוויק מיט זיין בוך „לידער פון גן־עדן‟, לעיעלעס־גלאַנץ — מיט זיין בוך „דער ברענענדיקער ייד אויפן ים‟; משה נאַדיר — מיט זיין „מודה אני‟; מלך ראַוויטש מיט זיין בוך „נאַקעטע לידער‟; משה לייב האַלפּערן מיט זיין בוך „די גאָלדענע פּאַווע.‟

איך וויל נאָך צום סוף אָנרופן אַ פּאָר ביכער אין דער קופּע, וואָס באַצייכענען פאַרשידענע פעריאָדן פון אונדזער צייט. אָט איז עוזר וואַרשאַווסקיס „שמוגלערס‟ וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דעם עקאָנאָמישן און מאָראַלישן חורבן פון שטעט און שטעטלעך בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, און אָט איז די ערשטע וועלט־מלחמה אַליין: עריך מאַריאַ רעמאַרקס צוויי ביכער „אַלץ איז שטיל אויפן מאַרב־פראָנט‟ און „דער וועג צוריק‟; אָט איז ד״ר שטיינבערגס בוך „געלעבט און געחלומט אין אויסטראַליע‟, וואָס דערציילט אונדז וועגן די באַמיאונגען פון אַ גרופּע יידן אין לאָנדאָן צו געפינען אַ מקום מקלט פאַר יידן, איבער וועלכע ס'איז שוין דעמאָלט געהאָנגען די סכנה פון היטלער־חורבן.

* * *

אונדזער לעבן איז פול מיט רעטענישן און מערקווירדיקע צופאַלן. אין די גאָר יונגע יאָרן, אין 1906 בין איך באַשטימט געוואָרן פאַר ביבליאָטעקאַר פון

דער אומלעגאַלער ביבליאָטעק, וואָס אונדזער אָרגאַניזאַציע האָט געשאַפן. אין אַ קאָנספּיראַטיוון צימער האָט מען געבראַכט אַ גרויסן קאַסטן מיט ביכער, איינ־געהאַנדלט אין וואַרשע. זיי זיינען געלעגן אין אַ גרויסן באַרג אויף דער ערד. איך האָב זיי געדאַרפט קאַטעלאָגירן און צעטיילן צווישן די גרופּן און פאַבריקלעך פון יידישע אַרבעטער. יעדער בוך איז דעמאָלט ביי מיר געווען אַ הייליקייט. איך האָב געטאָן די אַרבעט ווי אַ הייליקע עבודה. דאָס איז געווען דער מאָרגן פון מיין לעבן און דער אויפגייענדיקער מאָרגן פון יידישן לעבן. אַזוי האָבן מיר דעמאָלט געגלויבט.

איצט אויף דער עלטער בין איך ווידער געשטאַנען אונטערן באַרג ביכער, אפשר צען מאָל אַזוי די גרויס ווי יענער, אָבער אַלע ווי פאַרלאָזענע יתומים, וואָס קיינער לייענט זיי ניט מער, קיינער דאַרף זיי ניט מער.

איז דאָס דער סוף פון יידישן בוך? — האָט געציטערט אין מיר אַ געדאַנק, דאָס יידישע בוך, וואָס האָט אונדז געמונטערט און געטרייסט אין די גוטע און שלעכטע צייטן און איז געווען דער אינהאַלט פון אונדזער לעבן?

ניין, האָט אַן אָפּטימיסטישע שטימע אין מיר גערעדט. דאָרט אויף די פאָליצעס שטייען שוין רייען נייע, יונגע ביכער, וואָס קומען אָן פון אַלע עקן וועלט: פון ישראל, פון אַרגענטינע, פון ניו־יאָרק, פון אויסטראַליע. דאָס יידישע בוך, אַזוי ווי דאָס יידישע וואָרט, וועט לעבן אַזוי לאַנג ווי עס לעבן יידן אויף דער וועלט.

איך האָב זיך געזעגנט מיט דער „קופּע״ מיט אַ תפילה פאַר די אַלע שאַפער פון יידישן בוך, וואָס זיינען נאָך מיט אונדז, און פאַר די וואָס זיינען מער ניט מיט אונדז; פאַר די אַלע, וואָס ציען די גאָלדענע קייט פון יידישן וואָרט און יידישן בוך. די תפילה איז אַ סאָנעט פון דיכטער משה קנאַפּהייס. עס הייסט: „מיר יידישע שרייבער״:

מיר יידישע שרייבער, די לעצטע
פון אַ דור אַ געזאַלבטן מיט פּיין,
פאַרלאַכטע, פאַרשפּאָטע, פאַרהעצטע —
וועלן קיינמאָל די לעצטע ניט זיין;
די שטולן דורך קיינעם באַזעצטע

וועלן לאַנג נאָך אונדז ליידיק ניט שטיין.
אַ דור וועט מיט ליפּן באַנעצטע,
מיט לידער־ווייַן אויפגיין צעשיינט
און קומען אין אונדזערע גיטער
צו געניסן און שעפּן פון קוואַל.

## תנ״ך שטודיר־קרייז אין ל. א.

דער תנ״ך שטודיר־קרייז וואָס ווערט אָנגעפירט שוין דעם צווייטן יאָר, האָלט אָפּ זיינע זיצונגען אין ערשטן און דריטן דינסטיק פון חודש, אין אינסטיטוט פאַר יידישער דערציאונג. דער תנ״ך־פאַרשער און פעדאַגאָג, משה הורש, פירט אָן מיט די לימודים. אַ פעריאָד פון שאלות און תשובות. די שמועסן ווערן געפירט אין יידיש. דער פאָרזיצער איז דער באַקאַנטער קולטור־עסקן, בערנאַרד גינגאָלד.

---

**ווערט אַ מיטבויער און אַן אַבאָנענט**
**פאַר דעם זשורנאַל „חשבון״**
**אָפּצאָל 3 דאָלער אַ יאָר**

---

יצחק ניומאַן

# מיכה, באַגרינדער פון די יסודות פון יידנטום

דער נביא מיכה האָט זיך באַרימט געמאַכט מיט דעם וואָס ער האָט אַוועקגעשטעלט דעם יידנטום אויף דריי יסודות: די פון משפט, לויט די לערע פון נביא עמוס; די פון חסד, לויט די לערע פון נביא הושע; און די פון קדושה, לויט די לערע פון נביא ישעיה. אין אָט די דריי עקרים האָט ער אַריינגענומען די גאַנצע תורה, און ער האָט אַוועקגעשטעלט משפט, חסד און קדושה העכער פון טויזנטער קרבנות. ער זאָגט: „וויל דען גאָט אייערע טויזנטער קרבנות?

דער נביא ווייזט אָן, אַז מען קאָן געפינען חן אין גאָטס אויגן נאָר אי די דערמאָנטע דריי עקרים. די אייגענע ווערטער וואָס מיר זען ביי ישעיהן, און עס איז גאַנץ נאַטירלעך, ווייל מיכה איז געווען דער יונגערער נביא, וועלכער האָט געלעבט אין איין צייט מיט דעם נביא ישעיה, הונדערט און פופצק יאָר פאַרן חורבן און ער איז פון אים געווען באַאיינפלוסט. אויך וועגן גאולה און אַחרית הימים האָבן זיי ביידע גענומען פון אַן עלטערן נביא.

* * *

דער ספר מיכה האָט זיבן קאַפּיטלעך. אין די ערשטע פיר קאַפּיטלעך שטורעמט דער נביא, ער בייזערט זיך, און ער שטראָפט מיט ביטערע רייד. ער וואָרפט אָן אַ מורא וועגן אַ חורבן וואָס וועט זיכער קומען:

איבער דעם פאַרברעך פון יעקב,  
איבער די זינד פון ישראל  
וועט ציון ווי אַ צעאַקערט פעלד ווערן  
און ירושלים — אַ פאַרשאָטענע חורבה. (מיכה א־ה).

און פונקט ווי זיין מיטצייטלער ישעיה, טוט מיכה פאַרוואַרפן דעם פאָלק וועגן די קהלישע שלעכטס, די פּני און די כלי־קודש:

ווי־ צו די וואָס טראַכטן אומרעכט,  
ווייל די מאַכט איז אין זייערע הענט  
באַרויבן זיי אַ מאַן פון זיין הויז און נחלה. (דאָרטן ב־א).

אין צו די פירער זאָגט ער:

הערט איר קעפּ פון יהודה, פירער פון ישראל:  
איר וואָס האָט פיינט גוטס און ליבט שלעכטס,  
וואָס גזלט די הויט פון זייערע קערפּערס  
און דאָס פלייש פון זייערע בינער. (ג־ב)

דער נביא פאַרזעט אויך ניט די זינד פון יחיד. ער זאָגט:

אונטערגעגאַנגען איז דער פרומער פון לאַנד  
און קיין רעכטפאַרטיקער צווישן מענטשן איז ניטאָ;  
אַלע לויערן זיי אויף בלוט,  
איינער דעם אַנדערן פאַנגען זיי אין נעץ;  
אַ זון טוט אַן עוולה קעגן זיין פאָטער,  
אַ טאָכטער שטעלט זיך קעגן איר מוטער,  
אַ שנור קעגן איר שוויגער. (ז־ו)

די אַלע זאַכן טוען דעם נביא דערצערענען און אויפרעגן. עס דערגייט אים צום האַרצן, ער ווייטיקט פון צער. ער זאָגט:

איבער דעם אַלעם וועל איך קלאָגן און יאָמערן,
וועל אַרומגיין נאַקעט און באָרוועס,
וועל קלאָגן ווי אַ שאַקאַל, און טרויערן ווי אַ שטרויס־פויגל. (א׳)

אַלץ וועט קומען איבער דעם שלעכטס פון די פאַרקויפטע כהנים און פאַלשע נביאים. דעריבער וועלן זיי שרייען צו גאָט און ער וועט זיי ניט ענטפערן. ער וועט פאַרבאָרגן זיין פנים פון זיי אין יענער צייט...

מיכה טרעט אויך אַרויס שאַרף קעגן די וואָס ברענגען זייערע קינדער אַ קרבן צום אָפּגאָט מולך, ווי עס האָט געטאָן דער מלך מנשה, „וואָס האָט געמאַכט דורכגיין זיין זון דורכן פייער״, אויך דער קעניג אָחז האָט געטאָן דאָס אייגענע. (זע מלכים ב׳־כ״א, מלכים ב׳־ט״ז). אגב, דער מדרש רבה זאָגט: ער האָט זיך גערופן אָחז, ווייל ער האָט פאַרכאַפּט דאָס אייגנטום פון פאָלק. און דער נביא מיכה זאָגט אויף דעם:

זאָל איך געבן מיין בכור פאַר מיין פאַרברעך,
די פרוכט פון מיין לייב, פאַר די זינד פון מיין זעל? (ו׳־ז׳)

און דער נביא רופט דעם פאָלק פאַר תשובה און מעשים טובים:

מען האָט דיר אָנגעזאָגט, מענטש,
וואָס איז גוט, און וואָס גאָט פאַרלאַנגט פון דיר:
נאָר טאָן גערעכטיקייט, ליב האָבן חסד
און גיין באַשיידן מיט גאָט... (ו׳־ח׳)

נאָר אין אָנהויב איז דער נביא בייז, האַרט און טרוקן; שפּעטער טוט ער בייטן זיין ראָל און ער רעדט פון טרייסט און האָפענונג פאַר בעסערע צייטן. ער רעדט פון רחמים און מיט געצוימטע, איינגעהאַלטענע ווערטער פון תשובה און חרטה, אַז נאָכן חורבן וועט קומען אויפבוי:

אַ טאָג וועט זיין צו בויען די מויערן,
מעג יענער טאָג זיין ווייט... (ז׳־י״ג)

און דאָס גוטס וואָס וועט קומען וועט זיין ניט פאַר קיין שכר אָדער תשובה, נאָר דורך גאָטס חסד און פאַר דעם כבוד פון זיין אייגענעם נאָמען:

„ווער איז נאָך אַזאַ גאָט, וואָס פאַרגיט זינד, וואָס פאַרהאַלט אויף ניט לאַנג זיין צאָרן. ער וועט ווידער זיך אויף אונדז דערבאַרעמען, און וועט אַריינוואַרפן אין די טיפענישן פון ים אונדזערע חטאים. ער וועט וויזן חסד און טריישאַפט צו אברהם, און גאָטס הויז וועט זיין אין יענע טעג פעסט, וועט שטיין אויף די בערג, און פעלקער וועלן זאָגן: לאָמיר אַרויפגיין צום באַרג פון גאָט און לערנען פון זיינע וועגן, וואָרים פון ציון וועט אַרויסגיין אַ תורה, און גאָטס וואָרט פון ירושלים.״...

## לכבוד אַברהם רייזען'ס צענטן יאָרצייט

אונטערן פאָרזיץ פון מאָריס דייטש, ביים פרץ הירשביין צווייג, איז דורכגעפירט געוואָרן אַ געדענק־אָוונט לכבוד דעם באַרימטן דיכטער אברהם רייזען ע״ה. י. פרידלאַנד איז געווען דער גאַסט־רעדנער.

א. באַביטש

# פּעדער־שפּריצן

דער הבימה קונסט־טעאַטער, נאַציאָנאַלער טעאַטער פון ישראל, וועט באַלד געבן אין מאָנטרעאַל אייניקע פאָרשטעלונגען. די איניציאַטיוו צו ברענגען דעם הבימה־טעאַטער קיין מאָנטרעאַל האָט אויף זיך גענומען דער קרן התרבות.

פאַרוואָס זאָל די טרופּע ניט קומען אויך קיין לאָס אַנגעלעס?

* * *

דער ערגסטער שלום איז נאָך אַלץ בעסער פון דעם בעסטן קריג... (אַ רוסיש ווערטל).

* * *

אָפּטימיסט: וואָס איז געוואָרן פונם צוזאָג וואָס מ'האָט געגעבן די סאָוועטישע ייִדן, אַז זיי וועלן מעגן גיין צו תשליך?

פּעסימיסט: ס'איז גאָרנישט געוואָרן; ס'האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טייך!

* * *

עס איז מערקווירדיק: מענטשן וואָס האָבן ליב געלט ווי דאָס לעבן, לעבן בכלל נישט...

* * *

— פאַרוואָס שלאָפסטו עפּעס אין די ברילן?

— איך בין אַזוי קורצזיכטיק, אַז איך דערקען נישט די מענטשן וואָס איך זע אין חלום.

* * *

דעם בעל־מזל פאַרקוקט מען זיינע חסרונות; דעם שלימזל פאַרקוקט מען אַפילו זיינע מעלות...

* * *

אַ קאַרגער מענטש זאָגט תמיד, אַז ער האָט גאָרנישט, ווען מען פאַרלאַנגט פון אים אַ נדבה. אַ גנב טרעפט תמיד ביי אים עפּעס אַוועקצונעמען.

* * *

כבוד־זוכער האָבן צוויי וועגן, דורך יאָגן זיך נאָך כבוד און — דורך קריכן אויף אַלע פיר...

* * *

שווער צו זיין אַ שוער, וואָס האָט אַן איידעם אַ דאָקטאָר, וואָס מאַכט ניט קיין לעבן.

* * *

אויב איינער טרינקט ווי אַ פיש, דאַרף ער שווימען, ניט טרייבן אַ קאַר.

* * *

געבענטשט זיינען די, וואָס ווייסן גאָרנישט, ווייל זיי זיינען איבערצייגט, אַז זיי ווייסן אַלץ...

* * *

אַ סך מענטשן ווינטשן זיך אַ פרוי, וועלכע זאָל זיין אַ שיינע, אַ קלוגע און אַ גוטע באַלעבאָסטע. דערביי פאַרגעסן זיי, אַז פּאָליגאַמיע איז געזעצלעך פאַרבאָטן.

# זשורנאַלן אויפן טיש

אין איינעם פון זיינע קאָלומס אין „ט.־מ.זש." האָט בן־ציון גאָלדבערג באַרירט די אַמעריקאַנער יידישע זשורנאַלן. צווישן אַנדערן זאָגט ער דאָרטן אויך, אַז „ס'איז כדאי אָנצורופן אַ שריפט וואָס טראָגט אַ מאָדנעם נאָמען: „חשבון", און דערשיינט אין לאָס אַנדזשעלעס. לאָס אַנדזשעלעס, זאָגט ער, פאַרמאָגט אייגענע כוחות צו שאַפן אַ פיינע ליטעראַרישע שריפט. מען געפינט דאָרט אָפט גאַנץ אינטערעסאַנטע זאַכן צום לייענען — ליד, דערציילונג און קריטיק."

דער רעדאַקטאָר פון „חשבון" האָט געפונען פאַר נויטיק צו ענטפערן ב.צ.ג אין אַ בריוו. גאָלדבערג האָט דעם בריוו אָפגעדרוקט אין זיין קאָלום, וואָס גייט אַזוי:

„פאַר אייער קאָלום, „זשורנאַלן אויפן טיש", קומט אייך באמת אַ וואַרעמען יישר־כוח. דער „לעבעדיקער" ע"ה פלעגט פון צייט צו צייט דערמאָנען די עק־זיסטירנדיקע זשורנאַלן. זינט זיין פטירה, אייך צו לאַנגע יאָר, האָט קיין איינער פון די פען־מענטשן ביי דער יידישער פרעסע נישט געפונען פאַר נויטיק צו דערמאָנען וועגן זייער עקזיסטענץ.

„איך האַלט, אַז דאָס פאַרשוויגן איז ניט נאָר אַן עוולה, נאָר אין אַ גרויסער מאָס אַ סנאָביזם. בעת די זעלביקע צעשפרייטן זיך גאַנץ ברייטלעך איבער אַ ביכל לידער, פאַרזעט מען אָבער לגמרי די יידיש־ליטעראַרישע שריפטן, וואָס טראָגן אויף זיך אַ קולטור־געזעלשאַפטלעכן חותם. מיט וואָס איז איבער אַ בוך פון אַ יחיד מער חשוב צו שרייבן ווי איבער אַ זאַמלונג פון אַ ציבור, וועמעס אויסגאַבע איז נישט קיין איינמאָליקע, נאָר אַ באַשטענדיקטע!?

„צו וואָס פאַרגיסן קראָקאָדיל טרערן אויף דער ביטערער מערכה פון יידיש, ווען די זעלביקע טוען נישט דאָס מינדסטע צו דערמוטיקן די עקשנים, די פאַר־שפרייטער פון בעסערן יידישן וואָרט. בעיקר אַן אויסגאַבע וואָס דערשיינט אין דער וויט־וייטער לאָס אַנדזשעלעס, וואו ס'איז נישטאָ אפילו קיין שמץ פון אַ יידיש געדרוקט וואָרט אויף אַ רפואה!

„אייער באַמערקונג בשייכות מיט דער שריפט וואָס טראָגט, לויט אייער ווערסיע, דעם „מאָדנעם" נאָמען „חשבון", איז אונדז שווער מסביר צו זיין. דאָס רוב זשורנאַלן, די עקזיסטירנדיקע, ווי „זיין", אָדער די אויפן עולם האמת, ווי „אויפסניי", „דאָ", „בטחון" א"אַ, האָבן מיט זייערע נעמען אויסגעדריקט איין זאַך: המשך. מיר האָבן געדענקט, אנשטאָט צו ריידן וועגן המשך, לאָמיר עפּעס טאָן אין דעם ענין. „חשבון" פאָדערט אויף צו חשבון הנפש; חשבון הליטעראַטור און קולטור געזעלשאַפטלעכקייט. דער נאָמען „חשבון" איז שוין גאָרניט אַזוי מאָדנע, ווען מען טראַכט זיך אַריין, ווי ווייניק מען גיט זיך אָפּ ביי אונדז אַ חשבון הנפש אין אַ סך פון אונדזערע טואונגען — שרייבערישע, געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע.

אַנדערש געווען וואָלט אונדזער קאַמף און שטרעבן,
ווען מיר וואָלטן חשבון הנפש זיך אָפּגעגעבן.

מכוח דעם ענין איז דאָ אַ סך מער צו זאָגן, אָבער אַ וואָרט וועגן דעם איז גענוג . . . "

ב.צ.ג. האָט נאָך צוגעגעבן: — „עס איז שוין לאַנג צייט אַז מען זאָל זיך אַרומקוקן, וואָס עס ווערט געדרוקט, וואו דאָס זאָל ניט זיין. דעם שרייבערס נאָמען

## ליטעראַרישע נאָטיצן און קולטור כראָניק

### ליטעראַרישע מסיבות פון די „חשבוניאַנער"

אין דער שיינער היים פון באַבי און פרענק הערימאָן איז אין חודש אויגוסט דורכגעפירט געוואָרן אַ „חשבון" אָוונט. קאָלעגע מאַטעס דייטש האָט רעפערירט וועגן „מחשבות אַרום פּראָבלעמען." אין דער דיסקוסיע האָבן זיך באַטייליקט אַ צאָל קאָלעגן און געסט.

אַ צווייטע „חשבוניאַדע" איז דורכגעפירט געוואָרן סוף סעפּטעמבער, אין דער פיינער שטוב פון גאָלדע און מאיר דראָזד. ס'איז דורכגעפירט געוואָרן אַן אַקאַדעמיע איבער די דריי קריטיקער ע"ה: ש. ניגער, ב. ריווקין און וו. נאָטאַנסאָן. רעפערירט האָבן די קאָלעגן: מלכה טוזמאַן, מאַטעס דייטש, י. פרידלאַנד און נח גאָלדבערג.

אַ דריטער צוזאַמענקום פון די קאָלעגן אַרום „חשבון" און זיינע פריינד איז פאָרגעקומען אין הויז פון חיה און יצחק ניומאַן, פרייטיק, דעם 22טן נאָוועמבער. די קאָלעגן: ז. בונין, יצחק ניומאַן, פינטשע בערמאַן, י. פּ. פרידלאַנד און מאַטעס דייטש האָבן פאָרגעטראָגן פון זייערע שאַפונגען.

ביי די אַלע מסיבות האָבן די חברות פון די דערמאָנטע הייזער סערווירט גאָר פיינעם כיבוד. ס'איז אויך „געראַפלט" געוואָרן אַ שיינער „קאָווע־טיש", וואָס קאָלעגע בונין האָט געגעבן אַ מתנה לטובת דעם „חשבון". געוואונען דעם טיש האָט חבר לעדערמאַן און ער האָט דעם טיש צוריק געשענקט פאַרן „חשבון".

די פאַרוואַלטונג פון „חשבון" דריקט אויס אַ האַרציקן דאַנק צו די חברים: פרענק און באַבי הערימאָן, מאיר און גאָלדע דראָזד, יצחק און חיה ניומאַן, פאַר זייער וואַרעמער גאַסטפריינדלעכקייט.

### ה. רויזענבלאַט געדענק־אָוונט ביים ל. א. פּע"ן קלוב

דער היגער פּע"ן קלוב האָט דורכגעפירט אַן איינדרוקספולע אַקאַדעמיע מיט דער דערעפענונג פון דעם נייעם זמן פון טעטיקייט, אין דער פּרעכטיקער היים פון ווילי שאָר.

ס'האָבן זיך באַטייליקט אין דעם אָוונט די קאָלעגן: מאַטעס דייטש, נח גאָלדבערג, און י. פרידלאַנד. דער יידיש־העברעאישער שוישפּילער, חיים אָסטראָווסקי, האָט פאָרגעלייענט פון רויזענבלאַטס לידער. דער חשובער מכניס־אורח ווילי שאָר האָט באַגריסט דעם עולם און נאָכדעם סערווירט אַ גאָר פיינעם כיבוד.

### די ערשטע ה. לייוויק ליטעראַטור פּרעמיע

איז צוגעטיילט געוואָרן צום באַרימטן דיכטער איציק מאַנגער, זונטיק דעם 17טן נאָוועמבער, 1963, אויף דעם יערלעכן יום־טוב פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור קאָנגרעס, אין סטאַטלער האָטעל, ניו־יאָרק.

---

מאַכט אַ ליטעראַרישע שאַפונג נישט בעסער און נישט ערגער. פאַראַן שרייבער מיט גרויסע נעמען, וואָס שרייבן אַן אַ שלעכטע זאַך, און שרייבער מיט קליינע נעמען צי גאָר אָן נעמען, וואָס שרייבן אַן אַ גוטע זאַך."

די שאַפונג איז דער עיקר!

## א. ליעסין געדענק-אָוונט ביים ל. א. פע״ן

שבת דעם 15טן דעצעמבער, אין דעם פיינעם הויז פון באַבי און פרענק העריסאָן, האָט דער פע״ן דורכגעפירט אַ ליעסין געדענק-אָוונט, מיט דעם אנטייל פון די קאָלעגן: הערי לאַנג, נח גאָלדבערג, און מאַטעס דייטש. דער באַקאַנטער וואָרט-קינסטלער, אברהם זיגלבוים, האָט געלייענט פון ליעסינס שאַפונגען. ווי תמיד ביי די פע״ן-אָוונטן, ווערט נאָכדעם סערווירט כיבוד.

## מאַטעס דייטש׳ס נייער בוך איז שוין דערשינען

ס׳איז נאָר וואָס אַרויס פון דרוק פון דעם י. ל. פרץ פאַרלאַג, תל-אביב, אַ לענגערע עסיי וועגן יעקב גלאַדשטיין א״ב „דער ייד פון ליד.״ ס׳איז אַ פריידיקער צושטייער פונעם דיכטער און עסייאיסט, מאַטעס דייטש, צו גלאַדשטיינס 65סטן געבוירנטאָג.

דאָס בוך קען מען באַקומען ביים מחבר, 520 קלאָווערדייל, אָדער אין רעד. פון „חשבון״. אַגב האָט מאַטעס דייטש געוואונען די פרידלאַנד ליטעראַטור פרעמיע פאַר דער דערמאָנטער עסיי וועגן יעקב גלאַדשטיין.

## נח גאָלדבערג׳ס נייער בוך וועט בקרוב דערשיינען

די נייע נאָוועלע, „ווילד-גראָז״, פון דעם נאָוועליסט נח גאָלדבערג, איז שוין ביים איינבינדער און וועט בקרוב אַריינקומען פון אַרגענטינער פאַרלאַג „ייד-בוך״. מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן צום סעקרעטאַר פון בוך קאָמיטעט: ז. בונין, 4103 האָלי-קנאָל דרייוו, לאָס אַנגעלעס.

## „פון פרילינג ביז האַרבסט״

איז דער נאָמען פון אַ ביאָגראַפיש ווערק פון דיכטער ז. בונין, וואָס איז אַריין אין דרוק אין דעם „המנורה״ פאַרלאַג, תל-אביב.

## ברוך הבא, אליהו טענענהאָלץ

דער באַוואוסטער בינע און פילם-קינסטלער, אליהו טענענהאָלץ, האָט נאָך אַ לענגערן באַזוך אין ישראל צוריקגעקערט זיך קיין ל. א. טענענהאָלץ איז אַ מיטגליד אין דירעקטאָריום און קולטור ראַט פון ל. א. יידישן קולטור קלוב.

איר זייט האַרציק וועלקאָמען, חשובער טענענהאָלץ.

ס׳איז צוגעגרייט געוואָרן אַ פייערלעכער קבלת-פנים לכבוד טענענהאָלצן אויף שבת שבת אָוונט, דעם 4טן יאַנואַר, 1964.

חשובער רעדאַקטאָר י. פרידלאַנד:

פאַר אַלעם אַ דאַנק פאַרן זשורנאַל „חשבון״. דאָס וואָס איר האָט איבערגעגעבן ליפערט מלכה חפץ טוזמאַן צו שרייבן וועגן סוצקעווערן, איז געווען פאַר מיר אַ גרויסע פרייד! מלכה טוזמאַן איז אַ געזאַלבטע פּאָעטעסע! גיט איר איבער מיין האַרציקן גרוס; אויך אַ גרוס מאַטעס דייטש.

אַגב: איז אייער דערציילונג „ד״ר קעסמאַן״ אַ גאָר פיינע!

אַלדאָס גוטס אייך!

**ריקודה פּאָטאַש** (ירושלים)

# אָפּרופן פון שרייבער אויף דעם לעצטן נומער „חשבון"

ליבער און חשובער פריינט י. פרידלאַנד:

איך דאַנק אייך זייער פאַרן „חשבון", וואָס איר שיקט דערווייל אָן אַ חשבון. ס'איז אַ געשמאַקער, ציכטיקער און דער עיקר, אינטערעסאַנטער זשורנאַל. און אַ „טבע" האָט ער, דער זשורנאַל, קוים איז מען מעין אין אים, לאָזט ער ניט אָפּ ביז צום לעצטן זייטל. און ס'איז פאַלג מיך אַ גאַנג — ס'איז דאָ וואָס צו לייענען.

מלא טעם איז אייער דערציילונג. לייענענדיק דערמאָנט מען זיך אין די קליינע דערציילונגען פון גרויסן מייסטער, מאָפּאַסאַן, וועלכער האָט געוואוסט דעם סוד פון ווייניק ריידן און אַ סך צו זאָגן.

אויך אייער קנאַפּוואָרטיקייט איז געלאָדן מיט סיטואַציע און בילד

אַ ישר־כוח דעם פיינעם עסייאיסט און וואָרטמייסטער, מ. דייטש, פאַר זיין אָריגינעלער עסיי איבער העשעלעס בוך לידער. כאָטש זי איז געשריבן מיט אַ סך בקיאות און פאַר בקיאים, מבינים, איז זי גלייכצייטיק פשוט און פאַרשטענד־לעך, אַז יעדער וואָס לייענט זי ווערט אַ מבין. יאָ, גוטס געפעלט אַלעמען.

אַוואדאי ווילט זיך נאָך און נאָך זאָגן, און טאַקע דערפאַר מוז איך איבער־רייסן מיין „רעצענזיע". כ'קען נאָך, תוך־כדי־דיבור, „געשטרויכלט" ווערן מיט נאָך — לויבן.

זייט געזונט און שטאַרק און זייט ממשיך אין אייער דיכטערישער און רעדאַקטאָרישער אַרבעט.

שלום רב מישראל:

**שלמה וואָרזאַגער** (רמת־גן, ישראל)

---

חשובער י. פרידלאַנד, רעד. פון „חשבון":

געאיילטערהייט שרייב איך אייך די עטלעכע ווערטער כדי ניט צו ווערן אָפּגעקילט פון דער „הייסער" רגע וואָס האָט מיך אַרומגעכאַפּט ביים באַקומען און לייענען דעם נומער 34־35 „חשבון".

וועל איך איצט ניט שרייבן וועגן גאַנצן נומער, וואָס אין זיין תוך איז ער שיין, ליכטיק און ציכטיק אין אַלע זיינע עמודים.

פאַר אַ גוט, געזונט, שעפעריש יאָר — אייער

**לוי גאָלדבערג**

---

זייער חשובער פריינד י. פרידלאַנד:

איך האָב דערהאַלטן אייער שיינעם טאָפּל נומער 34־35 „חשבון". דער זשורנאַל מאַכט אַ גוטן איינדרוק, האָט גוטע אַרבעטן, דערציילונגען און לידער, בתוכם אייער פיינע דערציילונג, און אַ שלל פון קולטור־כראָניק, נאָטיצן, א"אַ, וואָס מאַכן פולער און אינטערעסאַנטער אייער ליטעראַרישע פּאָזיציע „חשבון". לכן, פירט ווייטער מיט חשבון אייער „חשבון". חזק ואמץ!

זייט געזונט און האַלט אָן אייער שעפערישקייט מיט אייער פיינעם זשורנאַל.

מיט גרוס, קאָלעגיאַל, אייער—

**ה. שישלער** (יאָהאַנעסבורג, דרום אַפריקע)

ה. שישלער איז דער רעדאַקטאָר פון די יום־טוב בלעטער אין יאָהאַנעסבורג. מיר ווינטשן אים צו זיין 60 יאָריקן יובל נאָך אַ סך שעפערישע יאָרן. (רעד.)

# אַריינגעקומענע ביכער און זשורנאַלן אין רעדאַקציע

**ישראל עמיאָט: „אין מיטעלע יאָרן"**
אַרויסגעגעבן: יידישער קאָמיוניטי קאַונסיל, ראָטשעסטער, נ.י. מיט אַ נאָכוואָרט פון מחבר און אַ ישראל עמי־אָט ביבליאָגראַפיע פון יעפים ישורין. דאָס בוך האָט 6 אָפּטיילונגען, 316 ז"ז.

* * *

**משה דלוזשנאָווסקי: „ווינטמילן"**
נאָוועלע, אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג „ייד־בוך", בוענאָס איירעס, 1963. ענטהאַלט 30 קאַפּיטלען און 560 ז"ז.

* * *

**יחיאל האָפער: „אַמאָל"**
(דערציילונגען). האָט דריי אָפּטיי־לונגען. אַרויסגעגעבן פון י. ל. פרץ פאַרלאַג, תל־אביב, 260 זייטן.

* * *

**אריה פאָזי: „משיח'ס קייטן"**
איבערזעצט אין ענגליש פון יידיש, פון יוסף לעפּטוויטש. אַרויסגעגעבן פון בלאָך פּובלישינג קאָמפּ., מיט אַ פאָר־וואָרט פון איבערזעצער.

* * *

**פון זעלבן מחבר: אַ בוך עסייען** איז אַריין אין דרוק, אויף ענגליש, אי־בערזעצט פון יוסף לעפּטוויטש. די עסייען זיינען: מכוח קבלה, חסידיזם, נחמן בראַצלאַווער, מרדכי קאַפּלאַן, מאַרטין בובער, י. ל. פרץ, ה. לייוויק, ח. נ. ביאַליק, א. אַ.

* * *

**יעקב זינגער: „יונגער דזשייקאָבס"**
(ראָמאַן). אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג „המנורה" תל־אביב, און יעקב זינגער בוך קאָמיטעט, לאָס אַנגעלעס. ענט־האַלט 5 אָפּטיילונגען און 513 זייטן.

* * *

**דער פינפטער באַנד לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור**
איז שוין דערשינען. אַרויסגעגעבן פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור קאָנגרעס, ניו־יאָרק 1963, אונטער דער הויפּט־רעדאַקציע פון אפרים אויערבאַך, יצחק כאַרלאַש און מ. שטאַרקמאַן. דער באַנד שטעלט מיט זיך פאָר אַ גאַלעריי פון 740 שרייבער, און נעמט אַרום בלויז דעם אות „למד" און טיילוויז „מם". ס'איז אַ קאָלאָסאַלע אַרבעט, ניט אָפּצו־שאַצן דעם קערנדיקן ווערט און אויפטו.

* * *

## זשורנאַלן און צייטשריפטן

קינדער־זשורנאַל (רעד. קאָלעגיע, נ.י.); „אויפן שוועל" (רעד. קאָלעגיע, נ.י.); אילוסטרירטע ליט. בלעטער (רעד. משה קנאפּהייס); „אַרגענטינערביימעלעך" (רעד. זעליג מאַזור); „דווקא" (רעד. סוסקעוויטש, אַרגענטינע); „אייגנס" (רעד. מלך טשעמני); „פּראָבלעמען" (רעד. אַבא גאָרדין, (תל־אביב); „אונדזער קיום" (רעד. ד"ר ל. קורלאַנד, פּאַריז); „שריפטן" (רעד. קאָלעגיע, אַרגענטינע); „זייך" (רעד. ל. ראָזאָף); יום־טוב בלעטער (רעד. הערש שישלער, דרום אַפריקע).

---

## ליטעראַרישע שבת־צו־נאַכטסן אין יידישן קולטור קלוב

**שבת, אָקטאָבער 19**—פייערלעכע דערעפענונג פון 38טן זמן פון קולטור קלוב. 1963
באַטייליקט אין דער פּראָגראַם: פייגעלע פּאַניץ, ה. לאַנג, אברהם זילבוים, סעמועל פיינסמיט, י. פרידלאַנד און ש. געלסין.

**שבת, אָקטאָבער 26** — יידיש־טעאַטראַלער אָוונט מיט דעם שוישפּילער אַנאַטאָל ווינאָגראַדאָוו.

**שבת, נאָוועמבער 2** — צום 10טן געדענק־אָוונט פון אברהם רייזען. שמואל

סיגאַל האָט רעפערירט וועגן רייזענס שאַפונגען. חיים אָסטראָווסקי האָט פאַרגעלייענט פון רייזענס ווערק.

**שבת, נאָוועמבער 9** — האָט ס. נוטקעוויטש גערעדט וועגן זיינע איינדרוקן פון אַ לענגערער רייזע, מיט אילוסטרירטע בילדער.

**שבת, נאָוועמבער 16** — דערעפענונג פון חודש פאַרן יידישן בוך. ה. לאַנג האָט רעפערירט וועגן „די דריי שפּראַכיקייט פון אונדזער ליטעראַטור.״

**שבת, נאָוועמבער 23** — מעמאָריעל נאָך פּרעזידענט דזשאָן פ. קענעדי. מיט הספדים זיינען אויפגעטראָטן י. פרידלאַנד און תנחום ברייס.

**שבת, נאָוועמבער 30** — אָוונט פון יידישער נגינה, מיט שמואל קעלעמער, און פאַרלייענונגען פון אונדזער ליטעראַטור פון יעקב ניומאַן.

**שבת אָוונט, דעצעמבער 7** — ערשטער יאָרצייט נאָך ה. לייוויק ז״ל. באַטייליקטע: מלכה טוזמאַן, אַניטאַ פריינדליך שעף, מאַטעס דייטש, י. פרידלאַנד.

**שבת, דעצעמבער 14** — **חנוכה פייערונג.** קאַנטאָר נתן קאַצמאַן; ד״ר דוד ברידזשער; משה מאַנדלמאַן.

**שבת, דעצעמבער 21** — געדענק־אָוונט נאָך יעקב זינגער ע״ה און לכבוד זיין ניי־דערשינען ווערק: „דער יונגער דזשייקאָבס.״

---

## חבל על דאבדין ולא משתכחין!

**א. אַלמי ע״ה** האָט נאָך אַ לענגערער קראַנקהייט געענדיקט זיין לעבן אין עלטער פון 71 יאָר. דער פאַרשטאָרבענער שרייבער, וועמענס אָריגינעלער נאָמען איז געווען אליהו חיים שעפּס, האָט אויך געשריבן אונטערן נאָמען עליאַש. חוץ עטלעכע זאַמלונגען פון זיינע לידער האָט ער אַרויסגעגעבן ביכער אויף פאַרשידנאַרטיקע טעמעס, ווי „די צווייטע עקזיסטענץ״, אַ לענגערע עסיי וועגן לעבן און טויט; די כינעזישע פילאָזאָפיע און פּאָעזיע; „די רייד פון בודאַ״, „יידישע פאָווסטאַניע.״ ער האָט אויך פאַרעפנטלעכט צוויי בענד הומאָריסטישע שריפטן און ליטעראַטור קריטיק. אַלמי איז געווען אַ בעל־מטופל פון 26 ביכער. כבוד זיין הייליקן אָנדענק!

---

**יעקב זינגער ע״ה** איז נפטר געוואָרן דעם 2טן סעפּטעמבער; אַ געוועזענער לערער און אַקטיווער קולטור־עסקן אין אַרב. רינג און פאַרבאַנד. ער איז דער מחבר פון דריי ביכער: 1) „חיים סאַלאָמאָן״, „מרים׳ס חלום״ (צוויי דראַמעס); 2) „דראַמאַטישע שריפטן״ און 3) „דער יונגער דזשייקאָבסאָן״, אַ ראָמאַן פון איבער 500 זייטן, דערשינען אין „המנורה״ פאַרלאַג, תל־אביב. דעם לעצטן בוך האָט ער ליידער ניט באַוויזן צו זען. ער איז געשטאָרבן אין ל. א. אַ חודש איידער דאָס בוך איז דערשינען. כבוד זיין הייליקן אָנדענק.

**וויליאַם נאַטאַנסאָן ע״ה.** באַוואוסטער דענקער און ליטעראַטור קריטיקער. זייענדיק פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר צוגעשמידט צום בעט, איז נפטר געוואָרן דאָ אין לאָס אַנדזשעלעס, דעם 5טן סעפּט. נאַטאַנסאָן האָט במשך פון אַ האַלבן יאָרהונדערט ביגעטראָגן צום יידיש וויסן, ליטעראַטור און קריטיק אַ שלל מיט שאַפונגען, וואָס ווערן געהאַלטן אין דעם שאַץ־קאַמער פון אונדזער ליטעראַרישן פאַרמעג. נאַטאַנסאָן איז דער מחבר פון אַ צאָל ביידייטנדיקע ווערק. זיין קרוין־ווערק, „קולטור און ציוויליזאַציע״, האָט אים געשאַפן אַ פאַרדינטן נאָמען אין דער יידיש ליטעראַרישער וועלט. זיין לעצט ווערק „קולטור קוואַלן״ האָט ער שוין, צום באַדויערן, ניט באַוויזן צו האָבן די פולע מאָס נחת, ווען ס׳איז דערשינען אין ל. א., ער איז שוין דאַן קראַנק געוועזן.

כבוד זיין לויטערן אָנדענק.

---

## איר ווערט דאָ געפינען אייער נאָמען

### אונזער וואַרעמען דאַנק צו די פאָלגנדיקע פריינט, קאָלעגן, נייע און באַנייטע אַבאָנענטן איף דעם „חשבון״:

ישראל באָר לעוו, משה צוקער, פינחס ראַפּאַפּאָרט, י. ברזלי, ה. באַראָן, ד״ר בענעש, א. קיפּניס, י. ראָטענבערג, ה. גאָלדפּאַרב, אַנאַ סאָלאָוו, בערל סאָטט, א. פינסקי, סעם נעסקין, נח גאָלדבערג, מ. היימאַן (תל אביב), בערל בוים (ווילקעס באַר), פינטשע ברעמאַן, א. גאָטליב, ד״ר קאַרל שוגער, ה. גאָלדראָט, א. דאַריק, יעקב פרידמאַן, רפאל ראָזענשטיין, משה וויסמאַן, סאָפי בערגער, נאַטע קאָזלאָווסקי (שיקאַגאָ), א. פישמאַן (פילאַ.), ה. זינגער (פּאַריז), ישראל גובקין, ס. לענאָוו, ס. סיגלמאַן, א. באַביטש, ז. בונין, בען פליישמאַן, בערעק פעלנער, ד. אייזינדלער, ל. שקאָלניק (קליוולאַנד), לוי גאָלדבערג (ניו־יאָרק), י. ריווין, פרענק העריסאָן, פאַביאַס בערמאַן, שמואל סיגאַל, ישעיה שאַראַטאָוו, לואיס שטיינבערג, מאָריס בערלינער, חיים י. לעיסין, גאָלדע שלאָסבערג דראָזד, וויליאַם פרידמאַן, מרדכי מייזעל, איזידאָר סטענזער, עלסי וויזעלמאַן, שרה שפּרעכער, מ. ה. גרין, מאָריס מייער, מאָריס שוטץ (ניו־יאָרק), מ. וואַרשאַ (פלאָרידאַ), חיים באַרקאַן (פילאַ.), מ. ראַפּאַעל (בריסטאָל, קאָנ.), י. טייטלבוים, אריה פּאָזי (ב״י), י. סיגאַל, יוסף וויינמאַן, מאָטל רייכמאַן (שיקאַגאָ), מענדל קאַנטאָר, מאיר קאַסטל, לאָטי מלאָך, יהושע פעלאָן, ד״ר קענאָף (ב״י), בען נעסאָוויטש, דוד גאָלדמאַן, ע. ג. מאַזור, מ. נעדעלמאַן, מאַקס בלעווינס, מ. מאַנדלבוים, יצחק ניומאַן, מאַטעס דייטש.

מיר׳ן זייער אָפּשאַצן, אַז די וועלכע האָבן נאָך ניט אַריינגעשיקט זייער אָפּצאָל, וועלן נאָכטאָן דעם שיינעם ביישפּיל פון די אויבנדערמאָנטע.

**מאַטעס דייטש**, סעקרעטאַר

420 סאַוט קלאָווערדייל, לאָס אַנגעלעס 36, קאַליפ.

---

ליבער חבר פרידלאַנד:

איך שיק אייך דאָ בייגעלייגט 25 דאָלער, מיין יערלעכןביישטייער לטובת דעם „חשבון״, וועלכן איר פירט אָן מיט טאַקט, ליבע און עקשנות. זייט געשטאַרקט און וואַרעם געגריסט.

**יוסף און דזשעני וויינמאַן**

# „חשבון"

פערטל-יאָר שריפט פאַר ליטעראַטור, קריטיק און קולטור פראָבלעמען

## צענטער יובל-יאָר פון „חשבון"

זייער חשובע פריינד:

כידוע דערשיינט אין לאָס אַנגעלעס במשך די לעצטע צען יאָר די ייִדיש ליטעראַרישע שריפט „חשבון". דער קומענדיקער נומער 37 וועט שוין טראָגן די דאַטע פון צענטן יובל-יאָר.

מיר האַלטן, אַז נאָך די אַלע אומגעלונגענע פּאַרזוכן דאָ הי צו שאַפן אַ באַשטענדיקע ליטעראַרישע שריפט האָט, צום באַדויערן, קיין איינע ניט געהאַט קיין אריכת ימים. (מער ווי איין אָדער העכסטנס פיר נומערן פון אַן אויסגאַבע האָט זיך ניט איינגעגעבן).

„חשבון" האָט באַוויזן, דורך מי און עקשנות, צו דערלעבן דעם צענטן יובל-יאָר. איז עס אוודאי אין אונדזערע טעג אַ דערגרייכונג.

ווענדן מיר זיך צו אייך, חברים און חברות, פון נאָענט און ווייט, ווי פריינט פון יידישן וואָרט, אַריינצושיקן אייער באַגריסונג צו דעם יובל-נומער „חשבון".

אויב איר זענט נאָך נישט קיין אַבאָנענט אויף דער אינטערעסאַנטער ליטעראַרישער פערטל-יאָר שריפט „חשבון", וועט איר מיט אייער פריינדלעכער באַגריסונג, וואָס וועט אָפּגעדרוקט ווערן אין דעם יובל-נומער, אויך אויטאָמאַטיש ווערן אַ באַצאָלטער אַבאָנענט אויף דער שריפט, וואָס וועט צו אייך אַרויסגעשיקט ווערן יעדע דריי חדשים. (אַן אַבאָנענט איז $3.00 אַ יאָר).

ווערט אַ לייענער און אַ מיטבויער פון דער איינציקער יידיש-ליטעראַרישע שריפט אין לאָס אַנגעלעס.

איר קענט אַריינשיקן אייער באַגריסונג צום סעקרעטאַר:

MATTES DEITCH - 420 Cloverdale Ave. - Los Angeles 36, Calif.

אָדער אויף דער אַדרעס פון דער רעדאַקציע:

I. FRIEDLAND - 4375 Sunset Drive - Los Angeles 27, Calif.

---

נאָמען: ____________________ סומע: $__________

אדרעס: ____________________________